# דער
# פרשה קוואל

צוזאמען גענומען
פון די שמועסן פון

מורינו הגה"צ
רבי אברהם אלימלך
בידרמן שליט"א

בהעלותך

מכון
באר האמונה

בס"ד

# דער פרשה קוואל


פאר קאמענטארן און הערות:
mail@derparshakval.com
718.484.8136

פאר גרעסערע באשטעלונגען (USA):
Wholesale@BeerEmunah.com


באקומט די גליונות וועכנטליך אין אייער אימעיל בחינם

## זיך איינצושרייבן

לשה"ק
באר הפרשה
subscribe+subscribe@beerhaparsha.com

אידיש
דער פרשה קוואל
yiddish+subscribe@derparshakval.com

אנגליש
Torah Wellsprings
Torah+subscribe@torahwellsprings.com

היספאניש
Manantiales de la Torá
info+subscribe@manantialesdelatora.com

פראנצויזיש
Au Puits de La Paracha
info+subscribe@aupuitsdelaparacha.com

איטאליעניש
Le Sorgenti della Torah
info+subscribe@lesorgentidellatorah.com

רוסיש
Колодец Торы
info+subscribe@kolodetztory.com


ארה"ב:
Mechon Beer Emunah
1630 50th St, Brooklyn NY 11204
718.484.8136

בארה"ק:
מכון באר האמונה
רח' דובב מישרים 4/2
עיה"ק ירושלים תובב"א
025 688 040



מכון באר האמונה

יו"ל ע"י מכון באר אמונה



2025 © כל הזכויות שמורות להמכון

עס איז נישט ערלויבט איבערצודריקן אויף קיין שום צורה ואופן, אויף צו פארקויפן אדער פארשפרייטן פאר אייגינע אינטערעסן אן שריפטליכע ערלויבעניש פון די מכון

# אינהאלט

## בהעלותך


על פי ה' - אַלעס איז פון דעם אויבערשטען ........................ ד

וקונה הכל - די חשיבות פון יעדע קליינע פעולה וואס מען טוט פאר'ן בוכ"ע ........ ז

מקשה תעשה - מלאכים האָט דער בוכ"ע געגוג, ער דארף דיינע שוועריגקייטן........ יא

והטבנו לך - טוהן גוטס מיט אַנדערע מענטשן........................ טו

וישמע ה' - יעדע אידישע תפילה ווערט געהערט אין הימל ................ טז


**ספה"ק בת עין**

**... הִנֵּה בִּבְחִינַת עֲבֹדוֹת הַבּוֹרֵא יִתְבָּרֵךְ בְּתוֹרָה וּמִצְווֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים צָרִיךְ לִהְיוֹת מִתְחִלָּה קוֹדֶם כָּל דָּבָר בְּחִינַת הֲכָנָה** אין די בחינה פון דינען דעם באשעפער מיט תורה, מצות און מעש"ט דארף צום ערשט זיין א בחינת 'הכנה' - זיך גרייטן עס צו טאהן. **הַיְינוּ שֶׁרֵאשִׁית דָּבָר יַתְחִיל לַחְשׁוֹב בְּמַחְשַׁבְתּוֹ לְקַיֵּים הַמִּצְוָה אוֹ לַעֲסוֹק בְּתוֹרָה וּתְפִלָּה** ד"ה אז די ערשטע זאך דארף א מענטש טראכטן אין זיין מחשבה אז ער גייט מקיים זיין די מצוה אדער זיך באשעפטיגן מיט לערנען און דאווענען. **וּבְאִתְעֲרוּתָא דִּלְתַתָּא אִיתְעַר אִתְעֲרוּתָא דִּלְעֵילָא** און מיט א דערוועקונג פון אונטן אויף די וועלט ווערט א דערוועקונג אויף דעם אויבן אין הימל, **וִיסַיְּיעוּ אוֹתוֹ מִן הַשָּׁמַיִם לְהוֹצִיא מַחְשַׁבְתּוֹ מִכֹּחַ אֶל הַפּוֹעַל** און מען וועט אים העלפן פון הימל ארויסצוברענגען זיין מחשבה פון זיין 'כח' - צו די אקטועלע געשעהניש, **לְקַיְּימָהּ בִּבְחִינַת מַעֲשֶׂה** ער זאל קענען טאהן די מצוה למעשה.

**וְזֹאת הַהֲכָנָה יְקָרָה וַחֲבִיבָה הִיא מְאוֹד לִפְנֵי הַמָּקוֹם בָּרוּךְ הוּא** און די 'הכנה' איז זייער א באליבט און טייער פארן באשעפער, **שֶׁעַל יְדֵי אֶמְצָעוּת הַהֲכָנָה מַמְשִׁיךְ אוֹר הַקְּדוּשָּׁה מֵאוֹר אֵין סוֹף בָּרוּךְ הוּא** ווייל דורך די הכנה טוט מען ממשיך זיין א ליכטיגקייט פון די קדושה פון די ענדלאזע ליכטיגקייט (אור אין סוף) פונעם באשעפער, **עַל יְדֵי מַעֲשֵׂה הַמִּצְווֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים** דורך זיין טאהן די מצוות און מעש"ט, **וְנִתְקָרֵב לִמְקוֹר הַקְּדוּשָּׁה** און ער ווערט דערנענטערט צו די מקור פון קדושה.

**וְהִנֵּה חֲנוּכַּת הַנְּשִׂיאִים הָיָה בְּחִינַת רֵאשִׁית וְהַתְחָלַת עֲבוֹדָה** און די חנוכת הנשיאים איז געווען א בחינה פון אן עפענונג און א אנפאנג פון די עבודה, **כְּדֵי לְהַמְשִׁיךְ עַל יָדָהּ בְּחִינַת קְדוּשָּׁה** כדי ממשיך צו זיין דורך דעם די בחינת קדושה, **בְּחִינַת הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה בַּמִּשְׁכָּן עַל יְדֵי הַקָּרְבָּנוֹת שֶׁיַּקְרִיבוּ** וואס דאס איז די בחינה פון 'השראת השכינה' אין די משכן דורך די קרבנות וואס מען וועט מקריב זיין דארט. **וְעַל כֵּן לֹא הֵנִיחַ דַּעְתּוֹ שֶׁל אַהֲרֹן בְּכָל הַקָּרְבָּנוֹת שֶׁהָיָה מַקְרִיב וְגוֹרֵם לְהַמְשָׁכַת קְדוּשָּׁה עֶלְיוֹנָה** און דערפאר האט זיך נישט בארוהיגט די געוויסן פון אהרן פון אלע קרבנות וואס ער האט מקריב געווען און גורם געווען צו ממשיך זיין זייער קדושה, **מֵחֲמַת שֶׁזֶּה הוּא לֹא מֵחֲמַת הֲכָנָתוֹ** ווייל דאס איז נישט געווען דורך זיין 'הכנה', **רַק עַל יְדֵי הֲכָנַת אֲחֵרִים שֶׁעָשׂוּ הַמִּזְבֵּחַ** נאר די קדושה איז געקומען דורך די הכנה פון אנדערע וואס האבן געמאכט די מזבח.

**וְאָמַר לוֹ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא: שֶׁלְּךָ גָּדוֹל מִשֶּׁלָּהֶם שֶׁאַתָּה מַדְלִיק וּמֵטִיב אֶת הַנֵּרוֹת** און הקב"ה האט אים געזאגט 'דיינ'ס איז גרעסער פון זייער' ווייל דו צינדסט אן און מאכט גרייט די ליכט, **וּבָזֶה הֵנִיחַ דַּעְתּוֹ** און מיט דעם האט זיך אהרן הכהן בארוהיגט. **כִּי מִתְּחִילַּת הַהֲכָנָה עַד גְּמַר הַמַּעֲשֶׂה הָיָה הַכֹּל מֵחֲמָתוֹ** ווייל פון אנפאנג פון דאס גרייטן ביז די ענד פונעם טאהן פון די מנורה איז אלעס געווען צוליב אים, **שֶׁלֹּא הָיָה כְּלַל מַעֲשֵׂה אֲחֵרִים בְּהַמְּנוֹרָה** און ס'איז בכלל נישט געווען אריינגעמישט דאס טאהן פון די אנדערע אין די מנורה, **רַק שֶׁנַּעֲשֵׂית מֵאֵלֶיהָ** נאר ווי חז"ל זאגן אונז אז די מנורה איז געמאכט געווארן פון זיך אליין. **(ריש פרשת בהעלותך)**


תשו"ח להוצאת "גליון בת עין" באידיש

סדר ועימוד: **א.י.ש. אשדוד** shwrtz@bezeqint.net

# פרשת בהעלותך

### על פי ה' - אַלעס איז פון דעם אויבערשטען

**דער** של"ה הקדוש שרייבט (דרך חיים תוכחת מוסר, יב) אויף די פסוקים אין דער היינטיגער פרשה (ט, יח-כ) 'על פי ה' יסעו ועל פי ה' יחנו וגו', על פי ה' יחנו ועל פי ה' יסעו', אַז דאָ איז די תורה אונז מרמז בדרך מוסר, אַז ביי יעדע זאַך אָדער באַוועגונג וואָס דער מענטש טוט, זאָל ער זאָגן 'אם ירצה השם', אָדער 'בעזרת השם'.

**צום** ביישפּיל, ווען דער מענטש גייט אויפ'ן וועג, זאָל ער זאָגן, איך פאָר מיט דער הילף פון דעם אויבערשטען, און איך האָב אין פּלאַן זיך אָפּצורוהען אין יענעם אָרט מיט'ן אויבערשטען'ס הילף, אויב ער וועט וועלן. ווען ער קומט אָן צו זיין דעסטענאציע, זאָל ער ווייטער דאַנקען און לויבן דעם אויבערשטען, און ער זאָל זאָגן, איך אָנגעקומען אַהער מיט די הילף פון דעם אויבערשטען, און איך קלער צו פאָרן מיט'ן אויבערשטען'ס הילף, אויב ער וועט וועלן, אַזוי איז דער שם שמים אייביג אין זיין מויל[א], סיי ווען ער טראַכט, און סיי ווען ער טוט[ב], עכ"ל[ג].

**דאָס** איז נאָך מער געזאָגט געוואָרן לגבי די ענין פון פרנסה, שטענדיג דאַרף מען געדענקען אַז די

---

**א.** אַוודאי איז נישט גענוג צו **'זאָגן'** מיט'ן מויל, נאָר מ'דאַרף **'לעבן'** מיט די אמונה, אַז **אַלעס איז נאָר 'אם ירצה השם' - אויב דער אויבערשטער וויל אַז ס'זאָל זיין**. און אָן די הילף פון דעם אויבערשטען, קען דער מענטש גאָרנישט טוהן - אַפילו נישט רירן מיט'ן פינגער.

דער 'חפץ חיים' זי"ע האָט דערציילט אַז די תלמידים פון דעם גאון רבי מרדכי באַנעט זי"ע אבד"ק ניקלשבורג, האָבן באַמערקט אַז ער מאַכט אַסאַך מאָל צורות פון אותיות אין דער לופט. האָבן זיי איהם נאָכגעקוקט און זיך מתבונן געווען אין זיינע תנועות, און האָבן געזעהן אַז ער 'מאָלט' פאַר זיך אין דער לופט די ווערטער 'אשרי אדם שלא ישכחך, ובן אדם יתאמץ בך'. ער האָט זיך כסדר דערמאנט, אַז מ'טאָר נישט מסיח-דעת זיין פון באַשעפער ברוך הוא. (ספר 'חפץ חיים ופעלו', וספר 'רחמי האב', ערך זכירה)

**ב.** דורך דעם וואָס דער מענטש דערמאנט אייביג דעם אויבערשטען'ס נאָמען, איז ער זוכה אַז אַלע זיינע מעשים זאָלן טאַקע זיין 'בעזרת השם' - מיט די הילף פון דעם אויבערשטען, און מיט גרויס הצלחה און סייעתא דשמיא.

עס ווערט געברענגט אין 'אוצר המדרשים' (און דער גאון חיד"א זי"ע, ברענגט עס בקיצור אין זיין ספר 'חדרי בטן'), אַ מעשה וואָס האָט פּאַסירט ביי אַ רייכן איד וועלכער איז געווען אַ ברייטהאַרציגער בעל צדקה. ער האָט אָבער נישט געהאַט די אמת'ע גאַנצע אמונה אין השגחה פרטית. ער האָט זיך אייביג איינגערעדט, אַז ער האָט געמאַכט זיין גאַנץ פאַרמעגן מיט די אייגענע כוחות.

אַמאָל איז ער געגאַנגען אויפ'ן מאַרק כדי צו קויפן אָקסן. אויפ'ן וועג, האָט ער באַגעגענט אליהו הנביא, וועלכער איז געווען פאַרשטעלט ווי אַ סוחר. האָט אליהו איהם געפרעגט, וואוהין גייסטו? און דער עושר האָט איהם געענטפערט: איך גיי אין מאַרק אַריין, קויפן אָקסן. האָט אליהו איהם געזאָגט: זאָג 'אם ירצה השם', אָדער 'אויב דער אויבערשטער וועט אַזוי גוזר זיין'. האָט דער סוחר איהם געענטפערט: איך האָב דאָך דאָס געלט אין טאַש, און עס ווענדעט זיך ממש נאָר אין מיין באַגער, אויב איך וויל קויפן די אָקסן, אָדער נישט... האָט אליהו איהם געזאָגט: אויב דו זאָגסט אַזוי, וועסטו נישט מצליח זיין.

אַזוי האָט טאַקע פּאַסירט. ווען דער סוחר איז געגאַנגען ווייטער אין וועג, איז דאָס בייטל מיט'ן געלט אַרויסגעפאַלן פון זיין טאַש אָן דעם וואָס ער זאָל עס שפּירן. אליהו האָט געזעהן דאָס בייטל, און ער האָט עס באַהאַלטן אויף אַ שטיין אינמיטן וואַלד, וואו מענטשן דרייען זיך נישט. דער סוחר איז אָנגעקומען אויפ'ן מאַרק, און ער האָט מיט גרויסע אנשטרענגונגען געטראָפן גוטע אָקסן צו קויפן, אָבער ווען ער האָט געוואָלט באַצאָלן פאַר די אָקסן, האָט ער געזעהן אַז ער האָט פאַרלוירן דאָס געלט, און ער איז צוריקגעגאַנגען אהיים פול מיט עגמת נפש.

גאַנצע השתדלות וואס מען טוט איז נישט בכוח עפּעס אויפצוטוהן, נאָר אַלעס וועט פאַסירן אַזוי ווי דער אויבערשטער וועט ווען, און אויב ער וועט העלפן דערצו.

---

אַ צייט שפּעטער, האָט ער ווידער גענומען געלט, און איז אַרויסגעגאַנגען פונדערהיים צו גיין צום מאַרקן קויפן אָקסן. דאָס מאָל האָט אליהו זיך באַוויזן צו איהם אין דער געשטאַלט פון אַן אַלטן מענטש, און ער האָט איהם ווידעראַמאָל געפרעגט וואוהין ער גייט, און ווען דער סוחר האָט געענטפערט אַז ער גייען אין מאַרק אַריין כדי צו קויפן אָקסן, און ווען אליהו האָט געזעהן אַז ער זאָגט נאָך אַלץ נישט 'אם ירצה השם', אָדער 'אם יגזור השם יתברך', האָט ער איהם נאָך אַמאָל געהייסן זאָגן די דאָזיגע ווערטער.

וויבאַלד דער סוחר האָט איהם אָבער נישט געפאָלגט אויך דאָס מאָל, האָט אליהו אַרויפגעוואָרפן אויף איהם אַ טיפן שלאָף, און ווען ער איז איינגעשלאָפן, האָט אליהו אַרויסגענומען פון זיין טאַש דאָס בייטל מיט'ן געלט, און עס אויך אַוועקגעלייגט אין וואַלד, נעבן דעם פריערדיגן בייטל. ווען דער סוחר איז אויפגעשטאַנען פון שלאָף און געזעהן אַז דאָס געלט איז גע'גנב'עט געוואָרן פון איהם, איז ער ווידעראַמאָל אַהיימגעגאַנגען מיט אַ פאַרוויינטאָגט האַרץ. דאָס מאָל האָט ער זיך אָבער שוין מתבונן געווען אין ביידע פעלער וואָס האָבן מיט איהם פאַסירט, און יעצט האָט ער שוין באַשלאָסן אַז עס איז זיכער בהשגחה פּרטית פון באַשעפער, און ער איז געשטראָפט געוואָרן וויבאַלד ער האָט נישט געפאָלגט דעם איד (אליהו הנביא) וואָס האָט איהם אויסגעלערנט צו גלייבן אין די השגחה פון דעם אויבערשטען ברוך הוא. ער האָט באַלד גענומען אויף זיך, אַז פון יענעם טאָג און ווייטער, וועט ער זאָגן 'אם ירצה השם' אויף יעדע זאַך וואָס ער וועט וועלן טוהן.

אַרויסגייענדיג צום דריטן מאָל אויפ'ן מאַרק, האָט אליהו הנביא זיך באַוויזן צו איהם אין דער געשטאַלט פון אַן אָרים יונגל וואָס זוכט אַרבעט, און אליהו האָט איהם געפרעגט וואוהין ער גייט. האָט דער גביר געענטפערט: איך גיי אין מאַרק אַריין קויפן אָקסן, אם ירצה השם. האָט אליהו איהם געוואונטשן הצלחה, און ער האָט איהם געזאָגט אַז אויב ער וועט זיך נויטיגן אין הילף מיט'ן פירן די אָקסן, זאָל ער איהם רופן. האָט דער סוחר איהם געענטפערט: אויב דער אויבערשטער וועט מיר העלפן און איך וועל קויפן אָקסן, וועל איך דיך דינגען אַז דו זאָלסט מיר העלפן פירן די אָקסן.

דער סוחר האָט טאַקע באַוויזן צו געפינען גאַר טייערע אָקסן פאַר אַ ביליגן פּרייז, און ער האָט געדינגען דאָס יונגל ער זאָל פירן די אָקסן. אויפ'ן וועג אַהיים, זענען די אָקסן פּלוצלינג אַריינגעלאָפן אין וואַלד אַריין. איז דער סוחר זיי נאָכגעלאָפן, ביז זיי האָבן זיך פּלוצלינג אָפּגעשטעלט נעבן דעם שטיין וואו עס זענען געלעגן די צוויי בייטלעך מיט געלט וואָס דער סוחר האָט פריער פאַרלוירן. ער האָט זיך זייער געפרייט דערמיט און געדאַנקט דעם אויבערשטען, און פאַרגעזעצט אויפ'ן וועג מיט'ן יונגל און מיט די אָקסן. ווען ער איז אָנגעקומען אַהיים, איז דאָס יונגל פּלוצלינג פאַרשוואונדן געווארן... האָט דער סוחר פאַרשטאַנען, אַז אַלעס וואָס האָט מיט איהם פאַסירט, איז געווען פון די השגחה עליונה.

הגאון רבי יחזקאל אַבראַמסקי זצ"ל האָט דערציילט, אַז ער האָט געהערט פון דעם גאון רבי איסר זלמן מעלצער זצ"ל, אַז אין יאָר תרפ"ה, ווען דער 'חפץ חיים' זצ"ל האָט זיך געגרייט עולה צו זיין קיין ארץ ישראל, האָט ער זיך געזעגנט פון די קהילה אין ראַדין. נאָך די דרשה, איז איינער פון די אידן אין שול צוגעגאַנגען צום 'חפץ חיים', און ער האָט איהם געפרעגט תמימות'דיג, פאַרוואָס ווען דער רבי האָט גערעדט וועגן זיין געפּלאַנטע נסיעה קיין ארץ ישראל, האָט ער נישט געזאָגט 'אם ירצה השם', אַזוי ווי ער זאָגט שטענדיג.

צום גרויסן וואונדער, מוצאי שבת דערנאָך איז די רעביצין פּלוצלינג געוואָרן נישט געזונט ל"ע און די גאַנצע נסיעה איז בטל געוואָרן. (רבי יחזקאל אַבראַמסקי האָט צוגעגעבן, אַז אַזאַ תביעה פאָדערט מען מסתמא נאָר פון אַזעלכע גרויסע מענטשן ווי דער 'חפץ חיים', אָבער ס'איז דאָ אין דעם אַ לימוד אויך פאַר אונז). (ספר 'מלך ביפיו')

**ג.** אַזוי טייטשט הרה"ק בעל 'לב שמחה' מ'גער זי"ע, דעם פּסוק אין דער היינטיגער סדרה (יב, ח) 'ותמונת ה' יביט'.

דער פּסוק לערנט אונז, אַז **'יביט'** - ביי יעדן 'בליק', זאָל דער מענטש זען נאָר **'תמונת ה'**'. דאָס הייסט, אין יעדן ענין זאָל דער מענטש זעהן דעם אויבערשטען, 'שהוא לבדו עשה ועושה ויעשה לכל המעשים' (ספר 'ליקוטי יהודה', החדש).

**אַזוי** שרייבט הרה"ק בעל 'בת עין' זי"ע (פ' במדבר, ד"ה 'וידבר'), אַז עס פאָדערט זיך פונעם מענטש אַ 'זהירות יתירה', ווען ער דאַרף אַרויסגיין מאַכן פרנסה, ווייל ביי דעם טוט דער יצר הרע אויסשפרייטן זיין נעץ אַריינצוכאַפּן דעם מענטש חלילה, דורך דעם וואָס ער וועט זיך איינרעדן אַז וואָס מער ער וועט זיך באַמיען ביי די אַרבעט וועט ער פאַרדינען מער געלט, און ער רעדט זיך איין אַז 'כוחי ועוצם ידי עשה לי את החיל הזה'. דורך דעם פאַלט ער לײדער, און 'עבירה גוררת עבירה', אַז ער וועט זוכן צו מאַכן פרנסה אויף נישט-כשר'ע וועגן ח"ו, בהיתר, אָדער שלא בהיתר.

**ברענגט** דאָרט דער 'בת עין' די ווערטער פונעם בעל שם טוב הקדוש זי"ע, וואָס ער האָט געזאָגט אויף די משנה (אבות פ"ג, מט"ז) 'מצודה פרוסה על כל החיים'. 'פרוסה' איז אויך טייטש פרנסה (ווי די גמרא אין ברכות (לז:) זאָגט, 'בבדי אכילת פרס'). האָבן די חכמים אונז אָנגעזאָגט, אַז די 'מצודה' - די נעץ, פונעם יצר הרע איז 'אויסגעשפרייט' אויף אַלע מענטשן, דורך 'פּרוסה' - די פּרנסה. ס'איז נישט דאָ אַ מענטש וואָס קען זיין פריי פון דעם נעץ, נאָר עס איז אויסגעשפרייט 'על כל החיים'! יעדער איינער ווערט אויסגעפּרובט מיט דעם נסיון פון נאָכלויפן נאָך די פרנסה, און מיר דאַרפן זיך גאָר שטאַרק היטן נישט אַריינגעכאַפּט צו ווערן אין די נעץ פונעם יצר, נאָר זיך צו שטאַרקן מיט אמונה פשוטה אַז דער אויבערשטער איז דער וואָס שפייזט אַלע באַשעפענישן אויף דער וועלט, און די השתדלות העלפט גאָרנישט, נאָר עס איז אַ גזירה פונעם גרויסן קעניג - מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא.

**אויפ'ן** פסוק אָנהייב היינטיגע סדרה (ח, ב) 'בהעלותך את הנרות', זאָגט די מדרש (במדב"ר פט"ו, ו): זה שאמר הכתוב (תהלים לד, י) 'יראו את ה' קדושיו, כי אין מחסור ליראיו'. דאַרף מען פאַרשטיין די שייכות פון דעם פסוק 'יראו את ה' קדושיו' וגו', צום פסוק 'בהעלותך את הנרות'.

**זאָגט** דער 'תפארת שמואל' (פרשתינו, אות ה), ווייל מיר געפינען ביי די מנורה, לגבי דעם 'נר מערבי', אַז דער כהן האָט אַריינגעגאָסן דערין אויל אַזוי פיל ווי אין די אַנדערע לעכט, און פון דעסטוועגן האָט עס נאָך געברענט אַזוי לאַנג, אַז די פייער פאַר'ן קומענדיגן טאָג האָט מען גענומען פון איר (שבת כב:). קומט אויס, אַז צוויי לעכט שטייען איינער לעבן דעם אַנדערן, און מ'האָט אַריינגעגאָסן אין ביידע לעכט די זעלבע מאָס אויל, אָבער איין לעכט וועט זיך שוין אויסלעשן אינדערפרי און דער צווייטער לעכט וועט ברענען ביז מאָרגן אָוונט. זעהט מען פון דעם קלאָר אַז דער אויבערשטער טוט אַלעס אויף דער וועלט.

**דעריבער** דאַרף מען אליין פאַרשטיין, אַז יעדע השתדלות אויף דער וועלט וועט גאַרנישט נישט העלפן, נאָר 'עצת ה' היא תקום', און לויט ווי ס'איז נגזר געוואָרן אין הימל, אַזוי פיל וועט ער באַקומען. און אויב אַלעס איז באַשערט פון הימל, איז אַוודאי טאָר מען נישט טוהן אַ השתדלות קעגן דעם רצון פון באַשעפער[ד], ווייל דאַן וועט איהם בשום אופן נישט העלפן די השתדלות צו פאַרמערן זיין פרנסה.

### מן הבאר

ביים סוף פון תפילת שחרית יעדן אינדערפרי, זאָגן מיר 'אין כאלוקינו וכו', מי כאלוקינו וכו', נודה לאלוקינו' וכו'. זאָגט דער גאון בעל 'נודע ביהודה' זצ"ל (או"ח סי' י) אַ טעם פאַרוואָס מ'זאָגט דאָס פאַר 'פיטום הקטורת', ווייל די גמרא זאָגט (יומא כו.) אַז די כהנים וואָס האָבן געמאַכט דעם 'קטורת', זענען געוואָרן רייך דערפון. צוליב דעם, כדי דער מענטש זאָל נישט זאָגן ווען ער ווערט רייך, אַז ער האָט געמאַכט זיין פאַרמעגן אַלס רעזולטאַט פון זיין גרויסע חכמה, דעריבער זאָגט מען קודם 'אין כאלוקינו' וכו', כדי צו דערמאַנען אַז **דאָס גאַנצע רייכטום קומט פון דעם אויבערשטען, און נאָר איהם דאַרף מען דאַנקען און לויבן דערפאַר.**

**ד.** הרה"ק רבי אברהם אלימלך פון קאַרלין זצ"ל הי"ד, האָט דערציילט, אַז ער האָט געהערט פון זיין שווער, הרה"ק רבי מרדכי יוסף פון זלאַטיפּאָלי זי"ע, אַ מעשה וואָס האָט פאַסירט מיט אַ רייכן איד אין רוסלאַנד, וועלכער האָט געהאַט אַ פאַרמיטלער ('בראָקער' בלע"ז) וואָס פלעגט איהם אַלץ ברענגען גוטע געשעפטן צו פאַרדינען געלט.

**דאָס** איז די כוונה אין מדרש, פון די פרשה פון 'בהעלותך את הנרות' לערנען מיר אַז 'יראו את ה' קדושיו', אַז מ'דאַרף מורא האָבן פון דעם באַשעפער, און נישט עובר זיין חלילה אויף זיין רצון. 'כי אין מחסור ליראיו' - עס פעלט גאָרנישט פאַר די ערליכע אידן!

### וקונה הכל - די חשיבות פון יעדע קליינע פעולה וואס מען טוט פאַר'ן בוכ"ע

**'ותסגר** מרים מחוץ למחנה שבעת ימים והעם לא נסע עד האסף מרים' (יב, טו). זאָגט רש"י, אַז מרים האָט זוכה געווען צו דעם גרויסן כבוד פון דעם אויבערשטען, צוליב איין שעה וואָס זי האָט געוואַרט אויף משה ווען ער איז אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין טייך, ווי דער פסוק זאָגט (שמות ב, ד) 'ותתצב אחותו מרחוק לדעה מה יעשה לו'.

**פרעגט** דער 'דרכי מוסר' (פ' שמות), אַז לכאורה האָט מרים נישט געטוהן אַ גרויסע זאַך, נאָר אַזוי איז דער שטייגער פון מענטשן, אַז ווען מ'וואַרפט אַריין אַ קינד אין טייך, וועט זיין שוועסטער שטיין דאָרט כדי צו זעהן וואָס עס פאַסירט צום סוף מיט איהם, און

---

איינמאָל האָט זיך געמאַכט פאַר דעם 'בראָקער' אַ ריזיג געשעפט וואָס מ'האָט געקענט פאַרדינען דערביי די ריזיגע סומע פון אַ האַלבן מיליאָן רובל. איז ער אַריבערגעגאַנגען אַהיים צום עושר, כדי איהם אָנצובאָטן דאָס גוטע געשעפט, וואָס אַסאַך מענטשן זוכן עס צו 'כאַפּן' צוליב דעם גרויסן פאַרמעגן וואָס מ'קען פאַרדינען דערביי. ער איז אָבער אָנגעקומען אין הויז פונעם עושר ווען ער האָט געהאַלטן אינמיטן עסן די מיטאָג-סעודה, און דער עושר האָט זיך געהאַט איינגעפירט אַ מנהג, צו פאַרברענגען ביים מיטאָג יעדן טאָג גלייך ווי עס וואָלט געווען אַ יום טוב, מיט פאַרשידענע געשמאַקע מאכלים בכמות ובאיכות, און דעמאָלס איז נישט געווען צו ווענדן צו רעדן...

דער 'בראָקער' האָט פרובירט רעדן מיט'ן עושר, ער זאָל אַריינטאַנצן אין דעם געשעפט וואָס קען איהם ברענגען ריזיגע פאַרדינסטן. דער עושר האָט אָבער געהאַט זיין קאָפּ אינעם טעלער... און ער האָט נישט געהערט וואָס דער 'בראָקער' רעדט צו איהם. אַלזאָ, ער האָט פרובירט נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל, אָבער אָן דערפאָלג. ער האָט אַפילו גע'טענה'ט אַז עס האַנדלט זיך פון אַ געשעפט וואָס מאַכט 'איינמאָל אין אַסאַך יאָרן', און ממילא, אפשר איז כדאי פאַר אייך זיך צוצואיילן מיט'ן מיטאָג, אָבער 'אין קול ואין עונה'... ער האָט אַפילו גע'טענה'ט אַז עס איז אַזאַ 'דבר האבד', אַז מ'מעג מאַכן דאָס געשעפטן אַפילו אין חול המועד, אָבער דער גביר האָט נישט אָפּגענויגט פון זיין מנהג אַפילו אויף אַ 'קוצו של יו"ד', און ווייטער געגעסן 'כאילו לא היה', ביז ער האָט געענדיגט די סעודה. דאַן האָט מען געהערט אַז דאָס געשעפט איז אויסגעכאַפּט געוואָרן דורך אַ צווייטן.

האָט דער בראָקער, וועלכער האָט ממש נישט געקענט קומען צו זיך פון עגמת נפש, אַז מ'האָט פאַרפאַסט אַזאַ גאָלדן 'געשעפט', געפרעגט דעם עושר: ווי אַזוי האָט איר זיך געקענט ערלויבן צו דערלייגן אַזאַ גרויסן פאַרדינסט. האט דער עושר איהם געענטפערט: האָסטו דען נישט געזעהן אַז איך האָב געהאַלטן אינמיטן עסן. האָט דער 'בראָקער' איהם געזאָגט: דו ביזט דאָך נישט אַ שוטה, צי דען פאַר אַביסל פלייש איז כדאי שאָדן צו האָבן אַזוי פיל מיליאָנען? האָט דער עושר איהם געענטפערט:

- אַלע מיינע באַמיאונגען צו פאַרדינען אַסאַך געלט, זענען דאָך נאָר מיט'ן ציל אַז איך זאָל קענען עסן אַ פעטע סעודה צו מיטאָג, און אַז איך זיץ שוין ביי די סעודה, דאָס פלייש ליגט שוין פאַר מיינע אויגן, זאָל איך צוליב דעם מפסיק זיין וועגן אַ 'געשעפט'? דאָס גאַנצע געשעפט איז דאָך נאָר צוליב דעם שטיקל פלייש...

פון די מעשה האָט דער קאַרלינער רבי, הרה"ק רבי אברהם אלימלך זי"ע, אַרויסגעלערנט אַ מוסר השכל, אַז אויך ווען דער מענטש האָט טירדות פון פרנסה, אָדער אַנדערע טירדות, דאַרף ער זייער שטאַרק אַכטונג געבן נישט מסיח-דעת צו זיין פונעם עיקר און תכלית, צוליב אַ טפל. דאָס הייסט, ווען מ'האַלט אינמיטן אַ 'קביעות עתים לתורה', ווען די שכינה שטייט אַנטקעגן דעם מענטש וואָס לערנט, אָדער ווען דער מענטש שטייט און דאַווענט פאַר דעם באַשעפער, זאָל ער עס נישט איבערלאָזן צוליב אַנדערע זאַכן, אַזוי ווי געשעפטן צו פאַרדינען א.ד.ג., ווייל **דער גאַנצער ציל פון די ביזנעס איז דאָך נאָר כדי ער זאָל האָבן ישוב הדעת צום לערנען.** ממילא זאָל ער זיך אַליין זאָגן, **וועל איך דען אָפּלאָזן די תורה פאַר די געשעפטן, אַפילו פאַר מיליאָנען?!** און אַוודאי און אַוודאי זאָל ער נישט טוהן 'השתדלות' אויפ'ן חשבון פון אַ 'קביעות עתים לתורה' און דאָס גלייכן, ווייל ווי אַזוי קען דער מענטש מאַכן פונעם טפל אַן עיקר, און פונעם עיקר אַ טפל...

פאַרוואָס האָט דער אויבערשטער ברוך הוא איר באַצאָלט אַזאַ גרויסן שכר, אַז אַלע אידן האָבן געוואַרט אויף איר אַ וואָך צייט.

**ענטפערט** דער 'דרכי מוסר', אַז ריכטיג טאַקע, מרים'ס אַקט איז נישט געווען אַזאַ גרויסער אַקט, אָבער דער רעזולטאַט פון איר מעשה, איז געווען גאָר גרויס, ווייל משה רבינו ע"ה האָט נישט געוואָלט זייגן פון די מצרי'שע פרויען, און אויב מרים וואָלט נישט דאָרט געווען, וואָלט משה אויסגעגאַנגען פון הונגער ח"ו, און די גאַנצע גאולה פון אידישן פאָלק פון מצרים איז דאָך געווען אָנגעוויזן אויף איהם [ווייל אָן איהם, וואָלטן זיי נישט געקענט אויסגעלייזט ווערן פון מצרים].

**דעריבער**, כאָטש די עצם מעשה וואָס מרים האָט געטוהן, אָפּצוואַרטן משה'ן ביים טייך, איז נישט געווען אַזוי גרויס, אָבער ווייבאַלד די רעזולטאַטן זענען געווען גרויס, האָט מרים זוכה געווען צו דעם גרויסן שכר אַז אַלע אידן זאָלן דאַרפן וואַרטן אויף איר.

**דאָס** איז אַ גרויסער לימוד פאַר יעדן איינעם, אַכטונג צו געבן אַפילו אויף 'קלייניגקייטן', ווייל פון אַ קליינעם פעולה לטובה קען אַרויסקומען גאָר אַ גרויסע זאַך[ה].

**דער** אמת איז דאָך אַז יעדע קליינע פעולה האָט גאָר אַ גרויסע חשיבות אין הימל, ווי עס שטייט אין 'חובות הלבבות' (שער חשבון הנפש, פ"ה), עס זאָל נישט

---

**ה.** דער גאון בעל 'חפץ חיים' זי"ע האָט דערציילט, אַז אַמאָל האָט אויף די גאַסן פון ווילנא שפּאַצירט אַן אָרימער איד, וועלכער איז געווען אַ סגי נהור ל"ע, מיט זיין קליינעם זון, וועלכער האָט איהם געפירט אויפ'ן וועג אַז ער זאָל נישט אומפאַלן אָדער אַריינפאַלן אין אַ גרוב ח"ו.

גייענדיג אַזוי, איז זיי אַנטקעגן געקומען דער דובנער מגיד זצ"ל, און זעהענדיג דעם טאַטן מיט'ן זון, ווי דער אָרימקייט זאָגט עדות אויף זיי, האָט ער רחמנות באַקומען אויף זיי, און אָנגעהויבן פרעגן וואָס זיי טוהען, פאַרוואָס זיי גייען צעריסן 'און צעשליסן' אויף די גאַסן פון שטאָט, אַזוי ווי היימלאָזע רח"ל. דער טאַטע, וועלכער איז, ווי געזאָגט, געווען בלינד רח"ל, האָט נישט געוואוסט ווער ס'איז דער איד וואָס רעדט מיט זיי, האָט ער זיך געבייזערט אויף זיין זון פאַרוואָס ער שטייט און רעדט, 'לאָמיר גיין ווייטער'... דער זון האָט אָבער באַרואיגט דעם טאַטן, אַז דער מענטש מיט וועמען ער רעדט קען מען געטרויען...

פון דעם געשפּרעך וואָס דער דובנער מגיד האָט געהאַט מיט דעם יונגל, האָט ער פאַרשטאַנען אַז דער טאַטן איז אַן אלמן ל"ע און ער איז אַ יתום. אין זייער הויז וואָס געפינט זיך ביים עק שטאָט, הערשט אַ שרעקליכע קעלט, ווייל זיי פאַרמאָגן נישט קיין האָלץ אָנצוהייצן דאָס הויז, און נישט קיין ברויט צו עסן... האָט דער דובנער מגיד זיי אַריינגענומען אין זיין שטוב, וואו זיי האָבן אָנגעוואַרימט זייערע געפרוירענע ביינער. ער האָט זיי אויך געגעבן צו עסן און צו טרינקען, און זיי געגעבן מלבושים אויף אַ בכבוד'יגן אופן, און ווייבאַלד ער האָט דערקענט אויפ'ן יונגל אַז ער פאַרמאָגט גאָר גוטע כשרונות, האָט ער איהם געדינגען מלמדים, צו קענען אַריינגיין אין אַ גוטע ישיבה אין שטאָט.

ביידע, דער אלמן און זיין זון, זענען געוואָרן 'בני בית' ביים דובנער מגיד, און ווען דער טאַטע איז אַוועק פון דער וועלט האָט דער דובנער מגיד ווייטער געהאַלטן ביי זיך דעם זון, ווי ער וואָלט געווען זיין 'בן יחיד'. דאָס קינד האָט געלערנט מיט גרויס התמדה, ביז ער איז צום סוף אויסגעוואַקסן דער גרויסער גאון און מגיד רבי שלמה קלוגער זצ"ל, וועלכער האָט פאַרשיינט די וועלט מיט זיין תורה, בפרט מיט זיינע הונדערטער ספרים אויף אַלע מקצועות התורה.

פלעגט דער 'חפץ חיים' זאָגן: אַסאַך מענטשן זענען אַוודאי געגאַנגען אויף די גאַסן פון ווילנא, און האָבן דאָרט געזעהן דעם בלינדן טאַטן מיט זיין זון גיין אויפ'ן גאַס מיט זייער אָרימע קליידונג, אָבער יעדער איינער האָט בלויז געשאָקלט מיט'ן קאָפּ מיט רחמנות, אה... אה... נעבעך... נעבעך... אָבער נישט מער פון דעם. אויב דער דובנער מגיד וואָלט אויך אַזוי געטוהן, וואָלט יעדער איינער שאָדן געהאַט. דער טאַטע וואָלט געגאַנגען צוגרונד רח"ל, דער זון וואָלט נישט אויסגעוואַקסן אַזוי גרויס. דער מגיד האָט אָבער יאָ געטוהן זיין פעולה, און מיט זיין הייליגן מעשה צדקה וחסד האָט ער מזכה געווען די גאַנצע וועלט מיט דעם גדול הדור רבי שלמה קלוגער, וועמענס אור התורה שיינט אויף דער וועלט ביז'ן היינטיגן טאָג.

זיין קליין אין דיינע אויגן קיין שום גוטע זאַך וואָס דו וועסט טוהן פאַר דעם אויבערשטען, אַפילו מיט אַ

זעהען מיר פון די מעשה, אַז מיט איין גוטן אַקט האָט דער דובנער מגיד זיך איינגעקויפט עולם הבא, און גורם געווען אַזאַ טובה פאַר'ן גאַנצן כלל ישראל אין אַלע דורות. מיר דאַרפן זיך לערנען פון די מעשה, **'אַריינצוכאַפּן' וואָס מער מצוות און מעשים טובים, און נישט לאָזן אַזעלכע געלעגנהייטן זיך אַרויסגליטשן פון אונזערע הענט.**

מיט יאָרן צוריק, האָט אַ חשוב'ער רב אין אַמעריקע באַמערקט אויפ'ן גאַס אַן עלטערן איד, אַ 'פעדלער', וואָס האָט פאַרקויפט פאַרשידענע זאכן פאַר די דורכגייער אויפ'ן גאַס. וועלנדיג טוהן אַ טובה פאַר דעם אידישן פעדלער, איז דער רב צוגעגאַנגען צו איהם, און עפּעס געקויפט. דאַן האָט ער געכאַפּט אַ שמועס מיט דעם עלטערן איד. צווישן אַנדערן האָט יענער איהם דערציילט, אַז צענדליגער יאָרן פריער, האָט ער געוואוינט אין שכינות פון אַ אידישע משפחה. די וואַנט צווישן ביידע דירות איז געווען גאָר דין, אין דער בחינה פון 'דקה מן הדקה', אַזוי אַז ער האָט געקענט הערן אַלעס וואָס קומט פאָר ביי די שכנים.

דערציילט דער עלטערער פעדלער, אַז די שכנות'דיגע משפחה האָט געהאַט אַ זון וואָס האָט זייער שטאַרק געוואָלט לערנען, אָבער צוליב די אָרימקייט וואָס האָט געהערשט ביי זיי, און דער טאַטע האָט נישט באַוויזן צו ברענגען גענוג פרנסה אין הויז, האָט ער באַשלאָסן אַז דער זון זאָל אויך אַרבעטן, כדי אַרויסצוהעלפן מיט די פרנסה אין הויז. דאָס יונגל האָט אָבער יעדע נאַכט געוויינט מיט הייסע טרערן צו זיין טאַטן, אַז ער וויל לערנען.

- ווען איך האָב געהערט יעדע נאַכט ווי דאָס יונגל וויינט אַזוי אַז ער וויל לערנען, האָב איך רחמנות באַקומען אויף איהם - האָט דער אַלטער פעדלער ווייטער דערציילט. - אין אַ טאָג האָב איך אָנגעהויבן אַרבעטן איבעריגע שטונדן, מיט גאָר שווערע אַרבעט, און די איבעריגע פרוטות וואָס איך האָב פאַרדינט ביי די שווערע אַרבעט, האָב איך געברענגט צו דעם טאַטן פון די שכנות'דיגע משפחה, מיט'ן תנאי ער זאָל 'באַפרייען' זיין זון, אַז ער זאָל קענען גיין לערנען אין אַ מקום תורה. דער טאַטע האָט טאַקע אַזוי געטוהן, ער האָט געשיקט זיין זון לערנען אין ישיבה, און איך האָב ווייטער געאַרבעט שווער, צושטעלנדיג פאַר זיי מיינע איבעריגע פרוטות וואָס איך האָב פאַרמאָגט...

ווען ער האָט געענדיגט דערציילט זיין געשיכטע, האָט דער איד געפרעגט דעם רב, אויב ער קען אפשר אויסגעפינען אויב עס איז עפּעס אויסגעוואַקסן פון יענעם יונגל וועמען ער האָט געהאָלפן ער זאָל קענען גיין לערנען אין אַ ישיבה, אָדער איז זיין האָרעוואַניע געווען אומזיסט... האָט דער רב איהם געפרעגט אויב ער געדענקט אפשר דעם נאָמען פון דעם יונגל, און דער אַלטער איד האָט זיך דערמאָנט: 'יאָ, ער האָט געהייסן אהרן קאָטלער'...

איז דער רב געבליבן ערשטוינט, און זיך שיער צעשריגן אינמיטן גאַס: צי ווייסט איר וועמען איר האָט געהאָלפן לערנען תורה? נאָר אין אייער זכות, איז אויסגעוואַקסן דער גרויסער גאון רבי אהרן קאָטלער זצ"ל, דער שפּעטערדיגער גרינדער און ראש ישיבה פון דער ישיבה אין לעיקוואוד, וועלכער האָט זוכה געווען צו זיין דער 'מקים עולה של תורה' אין דער דאַן-וויסטער אַמעריקע (פון רוחניות'דיגן שטאַנדפּונקט)... די גאַנצע תורה פון דעם גאון רבי אהרן קאָטלער, און די תורה פון זיינע פילע טויזנטער תלמידים, איז אַלעס אין אייער זכות. 'אשריך בעולם הזה, וטוב לך לעולם הבא'.

## מן הבאר

הרה"ק רבי משה קאָברינער זי"ע האָט געזאָגט אַ רמז אין די ווערטער וואָס מיר זאָגן (אין די ערשטע ברכה פון די 'שמונה עשרה') **'וקונה הכל'.** דער אויבערשטער כביכול 'קויפט' אַלעס וואָס אַ איד טוט, **די קלענסטע תנועה וואָס ער מאַכט פאַר דעם אויבערשטען, ווערט 'געקויפט' אין הימל מיט גרויס ליבשאַפט.** (ספר 'תורת אבות', דרכים בעבודת הבורא)

אַזוי זאָגן די ספרים אַ רמז אין פסוק (שה"ש ד, ט) 'לבבתיני באחת מעיניך' [וואָס רש"י טייטשט 'לבבתיני': דו האָסט צוגעצויגן כביכול מיין האַרץ צו דיר]. דאָ איז מרומז, **'באחת מעיניך'** - אַפילו בלויז מיט מיין 'שמירת עינים', טוסטו צוציהען דיין ליבשאַפט צו מיר. **דער מענטש קען נישט באַגרייפן אַפילו אַ 'מקצת מן המקצת', דעם גרויסן נחת רוח וואָס ער איז גורם פאַר דעם ליבן טאַטן אין הימל, און די גרויסע קירבה וואָס ווערט נתעורר, פון איין מאָל באַצווינגען דעם יצר...**

וואָרט אָדער מיט אַ בליק, ווייל דאָס וואָס איז ווייניג ביי דיר, איז ביי איהם גאָר אַסאַך'.

**דער** 'חובות הלבבות' ברענגט אַ ביישפּיל פון די זון, אַז ווען עס רוקט זיך אַן אייל דאָ אויף דער ערד, איז עס אַ סימן אַז דעמאָלס האָט די זון זיך גערוקט אין הימל אַסאַך מייל. נאָך מער, יעדער 'משהו'' איז בכח צו העלפן דעם מענטש שטייגן נאָך און נאָך, דרגא נאָך דרגא, ביז צו די גרעסטע מעלות.

---

**ו.** אַ מורא'דיגע זאַך געפינען מיר אין מדרש (במדב"ר פי"ב, יח) וועגן די בהמות וואָס די נשיאים האָבן מקריב געווען פאַר'ן 'חנוכת המזבח', און מ'האָט געטראָגן מיט זיי די ברעטער פון משכן, ווי דער פסוק זאָגט (במדבר ז, ה) 'והיו לעבוד את עבודת אהל מועד'. זאָגט דער מדרש: 'נתן להם הויה, שיהיו קיימים לעולם'. דער אויבערשטער האָט געגעבן פאר די בהמות, דעם כח צו לעבן אויף אייביג.

ברענגט דער מדרש דאָרט אַ מחלוקת פון תנאים, ווי לאַנג די בהמות האָבן געלעבט. לויט איין דעה, האָט מען זיי מקריב געווען אין 'גלגל', אָדער אין 'נוב וגבעון' (ווען די אידן זענען שוין געווען אין ארץ ישראל). רבי חמא בר חנינא זאָגט אָבער, אַז שלמה המלך ע"ה האָט זיי מקריב געווען אין בית המקדש (נאָך פינף הונדערט יאָר!). רבי מאיר זאָגט אָבער, אַז זיי לעבן נאָך ביז'ן היינטיגן טאָג... און עס איז קיינמאָל נישט געשען אין זיי אַ פעלער, און זיי זענען נישט 'אַלט' געוואָרן, אָדער געוואָרן 'טריפה', און האָבן נישט צובראָכן אַפילו אַן אבר.

און דער מדרש פירט אויס: איז דאָך אַ 'קל וחומר', מה דאָך די 'עגלות' וואָס זענען 'אָנגעקלעבט' געוואָרן אין די מלאכה פונעם 'אהל מועד', האָבן אַ 'הויה' אַז זיי לעבן אייביג, איז דאָך אַ 'קל וחומר' אַז **די אידן, וואָס זענען דבוק אין דעם אויבערשטען, לעבן אַוודאי אייביג**, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (דברים ד, ד) 'ואתם הדבקים בה' אלוקיכם חיים כולכם היום'.

**ס'איז כדאי זיך מתבונן צו זיין אין דעם, אָט איז אַ 'בהמה' וואָס האָט געדינט אין 'אהל מועד' אויף אַ צייטווייליגן אופן, און זי האָט אין דעם זכות זוכה געווען צו אַזאַ 'אריכות ימים', און איז געווען געזונט און שטאַרק, ממש 'לא כהתה עינה ולא נס ליחה', איז דאָך אַוודאי אַז גאָר גרויס איז דער שכר פאַר אַ איד וואָס טוט זיך 'אָנקלעבן' אין די מלאכה פונעם 'אהל מועד' - עבודת השם יתברך, אַפילו אויב עס איז נאָר צייטווייליג, אפילו אויב ער האָט עס געטוהן אַזוי ווי אַ 'בהמה'** (אָן צו פאַרשטיין וואָס ער טוט...).

פון דעם קען מען אויך ארויסנעמען א געוואלד'יגע חיזוק, ווייל מ'לערנט פון דעם אַז איינער וואָס האָט געטוהן די מלאכה פון אהל מועד, און בכלל, ער האָט געטוהן **עפּעס אַ גוטע זאַך**, בלייבט אייביג אין איהם אַ רושם פון קדושה. ער האָט שטענדיג אין זיין נשמה אַ הייליגע 'נקודה' דורך וועלכער ער איז דבוק אין 'משכן' - אין דעם אויבערשטען באַשעפער ברוך הוא, און יעדעס מאָל וואָס ער שטאַרקט זיך אויף זיין יצר און ער הייליגט זיך מיט אַ הימלישע קדושה, איז די דאָזיגע קדושה נישט נאָר 'לשעתה', נאָר עס איז 'קידשה לשעתה, וקידשה לעתיד לבוא'...

**ז.** דער משגיח הגה"צ רבי שלמה וולבה זצ"ל האָט געזאָגט, מ'קען זיך לערנען פון די תכסיסי מלחמה צווישן מדינות. אָפט מאָל שיקט איין לאַנד קריגס-עראָפּלאַנען צו די פיינטליכע לענדער, און ווען זיי דערנענטערן זיך צו זייער צילן, פליען זיי גאָר נידעריג, כדי נישט אויפגעכאַפּט צו ווערן דורכ'ן 'ראַדאַר' וואָס יעדעס לאַנד האָט זיך צו שיצן און צו באַמערקן אַלע עראָפּלאַנען וואָס פליען העכער'ן לאַנד, כדי צו קענען אַראָפּשיסן די פיינטליכע עראָפּלאַנען באַצייטענס, איידער זיי וועלן באַוויזן אויסצופירן זייער שטרעבונג און באָמבאַרדירן פון דער הייך. די 'ראַדאַר' געצייגן זענען אָבער געצילט צו באַמערקן יעדן עראָפּלאַן וואָס פליט הויך, און דעריבער טוט דער שונא זיך איבערקליגן צו שיקן די עראָפּלאַנען צו פליען דווקא נעבן דער ערד, כדי זיי זאָלן נישט אויפגעדעקט ווערן דורכ'ן 'ראַדאַר', און זאָלן קענען באָמבאַרדירן אָן שטערונגען.

האָט רבי שלמה וולבה געזאָגט, דאָס זעלבע איז מיט די מלחמה קעגן דעם גרעסטן שונא פונעם מענטש - דער יצר הרע. ער קוקט אַרויס ביי יעדע מעגליכע געלעגנהייט צו שטערן דעם איד פון עבודת השם יתברך. אויך דער יצר הרע האָט זיין 'ראַדאַר', אָבער אויך ביי איהם, אַרבעט דער 'ראַדאַר' נאָר 'גאָר הויך' - ביי '**גרויסע' מצוות**... ער לייגט נישט צו קאָפּ צו די '**קליינינגקייטן**', וואָס זעהען אויס ווי 'נאָנט צו דער ערד'. דעריבער איז די עצה פאַר'ן מענטש, זיך צו שטאַרקן דייקא ביי די 'קליינינגקייטן', און נעמען אויף זיך אַפילו '**קליינע קבלות**' (לערנען אַ פּאָר מינוט מער, זיך שטאַרקן אין שמירת העינים, א.א.וו.), ווייל **די 'קליינע' זאַכן טוט דער 'ראַדאַר' נישט באַמערקן, און אויף דעם טוט**

## מקשה תעשה - מלאכים האָט דער בוכ"ע גענוג, ער דאַרף דיינע שוועריגקייטן

**אויפ'ן** פסוק אין דער היינטיגער פרשה (יא, א) 'ויהי העם כמתאוננים', שרייבט דער 'שם משמואל' (שנת עת"ר, ד"ה 'באופן אחר'), לויט ווי דער בעל שם טוב הקדוש זי"ע האָט געזאָגט אַ משל, אַ טאַטע וויל אויסלערנען זיין קליין קינד צו גיין אויף די פיס, שטעלט ער אַוועק דאָס קינד פאַר זיך, און ווען דאָס קינד קומט-צו נענטער צום טאַטן, דערווייטערט זיך דער טאַטע פון איהם אַביסל אויף צוריק, אַלעס מיט'ן ציל אַז דאָס קינד זאָל שפּאַנען נאָך אַ פּאָר שריט. איינער וואָס איז נישט קיין גרויסער 'בר דעת', דאַכט זיך איהם אַז דער טאַטע דערווייטערט זיך פונעם קינד און ער ווייזט איהם נישט אַרויס קיין ליבשאַפט. באמת איז דאָס בכלל נישט קיין 'דערווייטערונג', נאָר דאָס איז אַלעס פאַר די טובה פונעם קינד, אַז ער זאָל זיך צוגעוואוינען צו גיין מיט זיינע פיס.

**אַזוי** פירט זיך דער אויבערשטער מיט אונז. ווען ער וויל אונז צוגעוואוינען צו 'גיין' - דאָס מיינט, צו שטייגן אין עבודת ה', טוט ער זיך 'דערווייטערן' פון אונז און ער פאַרהוילט פון אונז זיין פנים כביכול, אָבער באמת, איז דאָס אַלעס פאַר אונזער טובה וועגן, כדי דער מענטש זאָל זיך שטאַרקן צו דינען דעם אויבערשטען טראָץ אַלע 'הסתרות' און 'שוועריגקייטן'.

**לויט** דעם, זאָגט דער 'שם משמואל', ווען די אידן זענען געווען אין מדבר, האָבן זיי זוכה געווען צו התגלות אלוקית, און זיי האָבן זיך בכלל נישט גענדאַרפט באַשעפטיגן מיט עולם הזה'דיגע ענינים. זיי האָבן געגעסן די מן, 'לחם מן השמים', און זייערע קליידער זענען נישט קאַליע געוואָרן, ווי דער פסוק זאָגט (דברים ח, ד) 'שמלתך לא בלתה מעליך'. עס האָט זיי גאָרנישט געפעלט.

**דאָס** איז אָבער נישט דער תכלית פון די בריאה, ווייל אַזאַ סאָרט לעבן האָט דאָך שוין געהאַט יעדע אידישע נשמה איידער עס איז אַראָפּגעקומען אויף דער וועלט. זי האָט געוואָסן פון די שיינקייט פון די שכינה אין הימל, אָבער דער אויבערשטער האָט איר אַראָפּגעשיקט אויף דער וועלט מיט'ן תכלית צו לעבן דאָ, אויף דער גשמיות'דיגער וועלט, און דייקא דאָ צו שטייגן און וואַקסן.

**צוליב** דעם האָט דער אויבערשטער אַריינגעברענגט די אידן אין ארץ ישראל, זיי זאָלן דאָרט אַקערן און איינזייען אין פעלד. זיי זאָלן זיך אָפּגעבן מיט גשמיות'דיגע באַדערפענישן, און פונדעסטוועגן זאָלן זיי האָבן אין אַלע זייערע מעשים אַ גוטע כוונה. און וויבאַלד דער אויבערשטער האָט זיי געוואָלט צוגרייטן און צוגעוואוינען צו אַזאַ סאָרט עבודה, ווען זיי זענען נאָנט צו ארץ ישראל, האָט ער זיך אַביסל דערווייטערט פון זיי, כדי זיי זאָלן קומען 'מיט די אייגענע כוחות', אַזוי ווי דאָס קינד וואָס גייט אַנטקעגן זיין טאַטן, ווען ער לערנט זיך גיין אויף די פיס.

**לויט** דעם, טייטשט דער 'שם משמואל' דעם פסוק פריער אין דער פרשה (י, לג) 'וארון ברית ה' נוסע לפניהם'. דער פסוק זאָגט נישט 'בתוכם', נאָר 'לפניהם'. דאָס איז אַ רמז, אַז ער איז געגאַנגען 'אַביסל ווייט' פון זיי, כאילו די שכינה האָט זיך אַביסל דערווייטערט כביכול פון זיי. אבער, די אידן האָבן ליידער נישט פאַרשטאַנען די כוונה אין דעם 'ריחוק', און זיי האָבן געמיינט אַז ער דערווייטערט זיך טאַקע פון זיי ח"ו, וועגן דעם האָבן זיי זיך באַקלאָגט: 'ויהי העם כמתאוננים'.

**דער** 'שם משמואל' פירט אויס, אַז דאָס איז אַ לימוד פאַר די יונגע מענטשן, וואָס אָפּט מאָל הייבן זיי אָן צו דינען דעם אויבערשטען מיט התלהבות, און שפּעטער פאַלן זיי אַביסל פון זייער מדריגה. דאָס איז דערפאַר, ווייל פון הימל נעמט מען אַוועק פון זיי די סייעתא דשמיא, כדי זיי זאָלן דינען דעם אויבערשטען מיט זייערע אייגענע כוחות. די אַלע מניעות און שטערונגען זענען פון הימל, כדי דער מענטש זאָל זיך שטאַרקן צו שטייגן העכער און העכער.

**אדרבה**, די הויפּט-עבודה פון אַ איד איז דייקא אין אַ צייט פון 'הסתר', ווען עס קומט איהם אָן שווער, און זיין הויפּט עליה קומט דייקא ווען ער שטאַרקט זיך אויף אַלע שוועריגקייטן, אַזוי ווי דער מדרש זאָגט, ביים אָנהייב פון דער היינטיגער סדרה

---

**דער יצר הרע זיך נישט אַזוי פאַרלייגן צו פאַרפירן דעם מענטש**, און אַזוי, וועט ער קענען שטייגן העכער און העכער, און באַזיגן דעם יצר הרע אויך ביי די 'גרויסע' זאַכן.

(במדב"ר פט"ו, ז) אויפ'ן פסוק (ח, א) 'בהעלותך את הנרות', רבי חנינא האָט געזאָגט, דער אויבערשטער זאָגט צו דעם מענטש, די אויגן וואָס דו האָסט, האָבן אַ שוואַרצן און אַ ווייסן טייל, און פון דעם ווייסן טייל זעהסטו גאָרנישט, נאָר פון דעם שוואַרצן טייל. מה דאָך דיינע אויגן וואָס האָבן אַ שוואַרצן טייל און אַ ווייסן טייל, זעהסטו נאָר דורך דעם שוואַרצן טייל, דער אויבערשטער, וואָס איז אינגאַנצן לעכטיגקייט, דאַרף דען האָבן אייער לעכטיגקייט.

**פון** דאָ האָבן צדיקים אַרויסגעלערנט (און ענליך שרייבט דער 'שפתי צדיק', אין דער היינטיגער פרשה), מיר ווייסן דאָך אַז נישט אַלע צייטן זענען גלייך. אַמאָל שפּירט דער מענטש אַ לעכטיגן אור, אַזוי ווי דער ווייסער טייל פונעם אויג, ווייל עס שיינט אויף איהם דער אור פון באַשעפער, און ער פּירט איהם 'על מי מנוחות', סיי ברוחניות און סיי בגשמיות. פון דער אַנדערער זייט, שפּירט ער צומאָל ווי די וועלט איז איהם פינצטער, אַזוי ווי די דער שוואַרצער טייל פונעם אויג, און פון אַלע זייטן ליידט ער רדיפות פונעם יצר הרע, אָדער גשמיות'דיגע ענגשאַפטן. טייל מענטשן האָבן אַפילו אַ טעות צו טראַכטן אַז די הויפּט עבודה פון אַ איד און זיין חשיבות איז נאָר אין די צייטן ווען עס שיינט אויף איהם דער אור פון באַשעפער, און נישט ווען עס איז 'אור וחושך משמשים בערבוביא'.

**אויף** דעם זאָגט רבי חנינא, דו זעהסט נאָר פון דעם שוואַרצן טייל. דייקא פונעם 'שוואַרצן' טייל קענסטו זעהן דעם אויבערשטען. דו זאָלסט נישט מיינען אַז דער אויבערשטער גליסט ענדערש אין די צייטן פון לעכטיגקייט, ווייל 'הקדוש ברוך הוא שכולו אורה, אינו נצרך לאורה שלכם'. דער אויבערשטער, וואָס ער איז בלויז לעכטיגקייט, דאַרף נישט אָנקומען צו אייער לעכטיגקייט. ער דאַרף אָבער יאָ האָבן כביכול אונזער עבודה אין די 'טונקעלע' צייטן, ווען עס קומט אָן שווער פאַר דעם מענטש צו דינען דעם אויבערשטען, פון דעם האָט ער יאָ הנאה, ווייל אַזאַ עבודה האָט ער נישט פון די מלאכים אין הימל, נאָר פון די מענטשן, 'דרי מטה' - אויף דער נידעריגער וועלט.

**אַזוי** פרעגט דער מדרש אין דער היינטיגער סדרה (במדב"ר פ"ט, ח) פאַרוואָס האָט דער אויבערשטער אונז געהייסן צינדן לעכט - 'בהעלותך את הנרות'? דער אויבערשטער דאַרף דען האָבן אונזער לעכטיגקייט? דער פסוק זאָגט דאָך (תהלים קלט, ב) 'גם חושך לא יחשיך ממך, ולילה כיום יאיר כחשיכה כאורה'.

**זאָגט** דער מדרש, עס איז אַ משל, אַ קעניג האָט געהאַט אַ גוטן פריינט, וועלכער איז אָבער געווען אַ פשוט'ער מענטש - נישט אַ מיניסטער פון זיין קאַבינעט. איינמאָל האָט דער קעניג געזאָגט צו זיין גוטן פריינט, וויסן זאָלסטו אַז איך גרייט זיך צו קומען צו דיר אַהיים, גרייט אָן פאַר מיר אַ סעודה. האָט דער גוטער פריינט פונעם קעניג צוגעגרייט אַ פשוט'ן בעט, אַ פשוט'ן לייכטער, און אַ פשוט'ן טיש. ווען דער קעניג איז געקומען, זענען מיטגעקומען מיט איהם די באַדינער, וואָס האָבן געברענגט אַ גאָלדענע מנורה פאַר'ן קעניג.

**ווען** דער גוטער פריינט פונעם קעניג האָט געזען דעם גרויסן כבוד וואָס די באַדינער געבן פאַר דעם קעניג, האָט ער זיך געשעמט צו ווייזן פאַר דעם קעניג זיינע כלים, און ער האָט באַהאַלטן אַלעס וואָס ער האָט פריער געהאַט צוגעגרייט. האָט דער קעניג איהם געפרעגט: האָב איך דיר דען נישט געלאָזט וויסן פריער אַז איך פּלאַן צו קומען צו דיר צו אַ סעודה, פאַרוואָס האָסטו נישט צוגעגרייט גאָרנישט פאַר מיר? האָט דער גוטער פריינט געענטפערט, איך האָב געזעהן דעם גאַנצן כבוד וואָס דיינע באַדינער האָבן דיר געגעבן, האָב איך זיך געשעהמט מיט מיין פשוט'ע כלים. האָט דער קעניג איהם געזאָגט: איך שווער ביי דיין לעבן, אַז איך פּסל אַלע מיינע כלים וואָס איך האָב געברענגט, און צוליב דיין ליבשאַפט, וועל איך זיך באַנוצן נאָר מיט דיינע כלים, עכ"ל.

**גאָלדענע** כלים און אַנדערע טייערע חפצים, האָט דער קעניג גענוג ביי זיך אין פּאַלאַץ, ער דאַרפן נישט די 'טובות' פון זיין גוטן פריינט אַז ער זאָל באַצירן זיין טיש מיט שיינע קעניגליכע כלים. ער האָט נאָר געוואָלט די פשוט'ע כלים וואָס דער פשוט'ער גוטער פריינט האָט געקענט צוגרייטן[ח].

---

**ח.** דאָס זעלבע איז מיט עבודת השם יתברך. דער אויבערשטער פאַרלאַנגט נישט פונעם מענטש מדריגות פון יראה און אהבה אַזוי ווי די מלאכים, ווייל **מלאכים האָט ער גענוג אויבן אין הימל**... דער אויבערשטער דאַרף אינגאַנצן

קומט אוים פון די ווערטער פון מדרש, דער אויבערשטער איז טאַקע דער 'בעל האורה'. די גאַנצע לעכטיגקייט געפינט זיך ביי איהם. ער האָט אָבער אַ נחת רוח ווען דער מענטש, אַ 'קרוץ מחומר', ברענגט איהם וואָס ער קען איהם ברענגען, ווייל פון דעם האָט ער אַ תענוג.

**ממילא,** דאַרף יעדער איינער ענטפערן פאַר זיין יצר הרע ווען ער קומט צו איהם מיט אַ טענה, עס פאַסט נישט אַז אַזאַ נידעריגער מענטש ווי דו זאָל דינען דעם גרויסן פאָרכטיגן באַשעפער. וואַרט-צו, אפשר וועט דער אויבערשטער רחמנות האָבן אויף דיר און משפיע זיין אויף דיר לעכטיגע זמנים, ווען דו וועסט זוכה זיין צו אַ התעוררות און טוהן אַ נחת רוח פאַר דעם אויבערשטען ברוך הוא, און דאַן וועט עס פאַסן פאַר דיר צו דינען דעם אויבערשטען, ווייל באמת, איז אדרבה ואדרבה, דו האָסט נישט אַ גרעסערן 'שעת רצון' פון דעם, און דער אויבערשטער וויל מער האָבן די עבודה פון דעם מענטש ווען ער איז 'דערווייטערט', און נאָך מער, ער דאַרף דאַנקען דעם אויבערשטען ברוך הוא[ט], ווייל דער נביא זאָגט (ירמיה לא, ב) 'מרחוק ה' נראה לי' - דורך די 'דערווייטערונג' פון דעם אויבערשטען ווערט מען נאָנט צו איהם.

**אין** דער היינטיגער פרשה (יב, ו) לייענען מיר אויך, דער אויבערשטער האָט געזאָגט וועגן משה רבינו ע"ה: 'במראה אליו אתוודע'. האָט געזאָגט הרה"ק רבי יחזקאל'ע קאָזמירער זי"ע (געברענגט אין ספר 'מאמר יחזקאל',

---

נישט אונזערע 'טובות', אַז מיר זאָלן איהם דינען און באַצירן מיט שיינע כלים - מיט מדריגות פון אהבה און יראה מער ווי אונזער מדריגה, ווי עס פאַסט פאַר'ן 'בית המלכות'. ער וויל נאָר האָבן **אונזערע** 'כלים' - מ'זאָל זיך שטאַרקן אויף די קנאה און שנאה און אַנדערע גליסטענישן פון האַרץ, זיי און זייערס גלייכן... און פון דעם האָט דער אויבערשטער אַ פאַרגעניגן און נחת רוח.

**ט.** דער גאון רבי משה בערנשטיין זצ"ל, אַן אײדים פון דעם גאון רבי ברוך בער לייבאָוויטש זצ"ל פון קאַמעניץ, דער 'ברכת שמואל', האָט דערציילט, אַז ווען זיין גרויסער שווער איז געפאָרן קיין אַמעריקע, צוזאמצושטעלן פון נדיבי עם פאַר זיין ישיבה אין קאַמעניץ, און האָט זיך אויפגעהאַלטן דאָרט אַ לאַנגע צייט, האָבן זיינע מקורבים און שטוב-מענטשן אויסגענוצט די געלעגנהייט, און זיי האָבן אויפגעבויט פאַר איהם אַ נייע גרויסע הויז. דאָס הויז האָט זיך געפונען אַנטקעגן איבער דעם הויז פון אַ גלח, וואו עס האָט געהאָנגען אַ גרויסער 'שתי וערב', נאָר מ'האָט עס נישט באַמערקט פריער.

עטליכע יאָר שפּעטער, האָט רבי ברוך בער אַריינגערופן זיין אײדים רבי משה בערנשטיין, און איהם דערציילט מיט אַ פרייליכן טאָן, היינט איז מיר אויסגעקומען צו לייענען די לעבנס-געשיכטע פונעם גאון בעל 'חתם סופר' זי"ע, און איך האָב דאָרט געלייענט אַ מעשה וואָס האָט ממש געראַטעוועט מיין לעבן... און רבי ברוך בער האָט זיך אויסגערעדט פאַר זיין אײדים, ווי פאָלגענד:

- זינט איך בין אַריין אינעם נייעם הויז וואָס מ'האָט מיר דאָ אויפגעשטעלט, האָב איך נישט געהאַט קיין מנוחה. איך האָב זיך אַלע יאָרן דערווייטערט פון עבודה זרה, און אָט שטייט דאָ אַ צלם פאַר מיינע אויגן... איך האָב אָבער גאָרנישט געקענט טוהן, ווייל איך האָב נישט געוואָלט ווייטוהן פאַר מיינע גוטע פריינט וואָס האָבן ערלעדיגט פאַר מיר די דירה. איך האָב ממש געשפּירט אַז דער טיפער צער וואָס איך שפּיר, פאַרקירצט מיר חלילה די יאָרן...

- היינט האָב איך אָבער געלייענט דאָ אינעם ספר התולדות פונעם 'חתם סופר' אַ מעשה, אַז הגה"ק רבי נתן אַדלער זי"ע (דער רבי פונעם 'חתם סופר'), איז אַמאָל ווינטער געפאָרן אויף אַ ווייטן וועג, אין באַגלייטונג פון זיין תלמיד דעם 'חתם סופר' זי"ע. אינמיטן נאַכט, איז איינער פון די פערד געשטאָרבן, און דער בעל עגלה איז געגאַנגען ברענגען אַן אַנדערן פערד, אָבער ער האָט נישט געקענט טרעפן אַ פערד, און האָט געברענגט אַן אייזל, וועלכן ער האָט איינגעשפּאַנט צום וואָגן, און געוואָלט פאָרן ווייטער. אין יענע סעקונדע, האָט אָבער רבי נתן אַדלער באַמערקט וואָס עס קומט פאָר. ער איז אַראָפּגעשפּרינגען פונעם וואָגן, און האָט זיך גענומען טאַנצן אַ פרייליכן טאַנץ. האָט דער 'חתם סופר' זיך געוואונדערט: 'לשמחה מה זו עושה'... וואָס פרייט זיך דאָ דער רבי אַזוי שטאַרק. ספּעציעל אַז עס הערשט אַזאַ קעלט אינדרויסן. האָט רבי נתן אַדלער איהם געזאָגט: צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן, איז מיר אונטערגעקומען מקיים צו זיין די מצוה פון 'לא תחרוש בשור ובחמור יחדיו', און דאָס איז נישט אַ קליינגקייט... אַוודאי בין איך פרייליך, אַז עס איז מיר אונטערגעקומען מקיים צו זיין אַזאַ גרויסע מצוה...

ע' קט) אַז די הויפט דערנענטערונג פון אַ איד צו דעם אויבערשטען איז דייקא דורך די מניעות און עיכובים, און ווען דער מענטש שטאַרקט זיך אויף זיי, ווערט ער נענטערט צו דעם אויבערשטען.

**זאָגט** ער, דער טייטשט פונעם וואָרט 'מראה', איז אַ שפיגל. ווי אַזוי מאַכט מען אַ שפיגל? מ'נעמט אַ גלאָז וואָס איז קלאָר און לויטער, און מ'קלעבט אַרויף דערויף אַ שטיק זילבער, און אַזוי ווערט דער גלאָז פאַרוואַנדלט אין אַ 'שפיגל'. קומט אויס, אַז די 'הסתרה' וואָס פאַרשטעלט אַז דער מענטש זאָל נישט קענען אַדורכזעהן, איז דער תכלית פונעם שפיגל. דאָס איז די כוונה פון פסוק: 'במראה' - פונקט אַזוי ווי אַ שפיגל וואָס פאַרשטעלט. 'אליו אתוודע' - אַזוי וועל איך זיך דערקענען צו דעם מענטש. אין שווערע צייטן ח"ו, ווען דער מענטש שפרט אַז אַלעם איז פאַרמאַכט און 'פאַרשטעלט' פאַר איהם, באַווייזט זיך דער אויבערשטער צו איהם און זאָגט: 'אליו אתוודע'.

---

רבי ברוך בער האָט אויסגעפירט: נאָך דעם ווי איך האָב געלייענט די מעשה, האָב איך געטראַכט ביי זיך, חז"ל זאָגן (ברכות יב:) אויפ'ן פסוק (במדבר טו, לט) 'ולא תתורו אחרי לבבכם', אַז עס מיינט, מ'זאָל זיך היטן פון מינות. אַז דער אויבערשטער האָט מיר צוגעשיקט מקיים צו זיין די מצוה פון נישט נאָכגיין נאָך די עבודה זרה יעדע סעקונדע פונעם טאָג, ווען דער מיאוס'ער 'שתי וערב' געפינט זיך אַנטקעגנאיבער מיינע אויגן ממש - דאַרף איך דאָך אַוודאי זיין פרייליך, אַז איך בין זוכה צו טוהן דעם רצון פונעם באַשעפער ברוך הוא...

פון אונזער זייט, ווילן מיר צוגעבן, די גמרא דאָרט זאָגט אויך, אַז די ווערטער 'ואחרי עיניכם' גייען אַרויף אויף הרהור עבירה, דער מענטש זאָל נישט טראַכטן שלעכטע מחשבות פון עבירות. ממילא קומט אויס, אַז די מענטשן וואָס זענען אַזוי בצער צוליב **די פאַרשידענע נסיונות וואָס מ'גייט היינט אַדורך ווען מ'גייט אויפ'ן גאַס** (אין שמירת עינים, וכדומה)**, דאַרפן זיך פרייען ווען זיי באַגעגענען זיך מיט אַ 'שפע' פון נסיונות.** אַוודאי דאַרף מען מתפלל זיין 'ואל תביאני לא לידי נסיון', אָבער אויב עס קומט שוין אונטער אַ נסיון, דאַרף מען זיך פרייען: 'צהלה ורנה לזכר מלכותו'...

**י.** מיר קענען דעם בעל העובדא, ביי וועמען עס האָט פאַסירט די פאָלגענדע מעשה: אַמאָל חודש תמוז, איז אין אַ הייסן טאָג צובראָכן געוואָרן דער 'עיר קאָנדישאָן' אין אַ ישיבה אין ארץ ישראל. וויבאַלד ס'איז געווען זייער הייס אין בית המדרש פון די ישיבה, און ס'איז שווער צו לערנען אין אַזעלכע היצן, אָן אַן 'עיר קאָנדישאָן', איז אַ בחור אַרויפגעגאַנגען אויף אַ בענקל, וואָס מ'האָט עס אַרויפגעשטעלט אויף אַ טיש, און אַזוי האָט ער געוואָלט פרובירן פאַררעכטן דעם 'עיר קאָנדישאָן'.

זייענדיג אָבער ברייט געבויט (דיקער פון אַנדערע בחורים אין זיין עלטער), איז ער באַלד ביים אַרויפגיין אויפ'ן בענקל, אַראָפּגעפאַלן און זיך גוט צעקלאַפּט - לעיני כל הקהל... דער בחור איז געשטאַנען אַ פאַרשעמטער. באַלד איז צוגעקומען צו איהם איינער פון די 'מגידי שיעור' אין ישיבה, און ער האָט איהם געזאָגט: וויסן זאָלסטו, אַז יעצט האָסטו אַ גרויסן כח אין הימל, צו קענען פועל'ן אַלע סאָרטן ישועות, למעלה מדרך הטבע. וויל איך דיר געבן אַן עצה, דו זאָלסט נישט זיין אַ נאַר, נאָר נוץ אויס יעצט די געלעגנהייט צו בעטן ביים באַשעפער ער זאָל ערפילן אַלע דיינע בקשות לטובה ולברכה. האָט דער פאַרשעמטער בחור זיך אָנגערופן:

- איך שענק אַוועק 'בעין יפה', דעם זכות פון מיין בושה, פאַר מיינס אַ קרוב, וועלכער האַלט שוין זעקס יאָר נאָך די חתונה און האָט ליידער נאָך נישט זוכה געווען צו אַ קינד!

צום יאָר, איז געבוירן געוואָרן אַ יונגל ביי יענעם קרוב! פון דעם קענען מיר לערנען, אַז **דייקא אין צייט פון חשכות, ווען דער מענטש גייט אַריבער שוועריגקייטן און ער ווערט פאַרשעמט, האָט ער דעם כח צו פועל'ן אַלע סאָרטן ישועות.**

**מן הבאר**

דער קאָצקער רבי זי"ע האָט געזאָגט וועגן דעם דין פון 'מעשר בהמה', אַ טעם פאַרוואָס יעדע צענטע בהמה וואָס גייט אַדורך די טיר פונעם שטאַל, ווערט הייליג מיט די קדושה פון 'מעשר', ווייל די משנה זאָגט (ברכות פ"ט, מ"ז) אַז מ'פאַרבט די צענטע בהמה מיט אַ רויטן קאָליר. **וויבאַלד די בהמה האָט באַקומען אַ קלאַפּ פונעם שטעקן** וואָס פאַרבט איר, איז זי געוואָרן הייליג צו ווערן אַ קרבן פאַר דעם אויבערשטען.

### והטבנו לך - טוהן גוטס מיט אַנדערע מענטשן

**'ואם** באחת יתקעו, ונועדו אליך הנשיאים ראשי אלפי ישראל' (י, ד). דאַרף מען פאַרשטיין, פאַרוואָס האָט מען געדאַרפט האָבן טרומפייטערס ('חצוצרות') צוזאַמענצורופן די 12 נשיאים? מ'האָט דאָך געקענט שיקן אַ שליח, ער זאָל זיי רופן צו די אסיפה.

**ענטפערט** דער רלב"ג ז"ל, אַז אויב מ'וואָלט געשיקט אַ שליח, וואָלט געקענט אַנטשטיין אַ קריגעריי צווישן די נשיאים, פאַרוואָס האָט משה רבינו ע"ה גערופן יענעם נשיא, איידער ער האָט מיך גערופן... מוז זיין אַז ער האַלט איהם חשוב'ער פון מיר... אַזוי קען זיך צעפלאַקערן אַ שאַרפע מחלוקת ח"ו. צוליב דעם האָט די תורה געהייסן בלאָזן מיט טראָמפּייטערס, כדי אַלע נשיאים זאָלן הערן אינאיינעם ווי מ'רופט זיי. אַזוי וועלן אַלע ווערן 'איינגעלאַדן' מיט'ן זעלבן כבוד, אין די זעלבע רגע, און די בעלי מחלוקת וועלן נישט קענען העצן די נשיאים[יא].

**ווען** דער מענטש פרעגן: פאַרוואָס דאַרף איך ליידן צוליב יענעמ'ס 'דמיונות'? איך גיי דאָך אויפ'ן גוטן וועגן, און אַז יענער דרייט זיך אַרום מיט נאַרישע דמיונות, זאָל ער זיך אַליין עסן דאָס האַרץ...

**איז** דער ענטפער אויף דעם, אַזוי ווי הרה"ק בעל 'חידושי הרי"ם' זי"ע זאָגט ('ליקוטי הרי"ם', פרשתינו) אויפ'ן פסוק (יב, ג) 'והאיש משה עניו מאד מכל האדם אשר על פני האדמה'. זאָגט רש"י: 'עניו מאד - שפל וסבלן'.

**זאָגט** דער 'חידושי הרי"ם', ענווות איז באמת אַ גרויסע מעלה פאַר'ן מענטש. אָבער ס'איז דאָ נאָך אַ גרעסערע מעלה פון ענוה, צו זיין אַ 'סבלן' - מ'זאָל קענען 'אויסהאַלטן' יענעמ'ס שפלות...

**ספּעציעל** דאַרף מען שטאַרק אָפּהיטן די צונג, נישט צו רעדן שלעכטס אויף אַ צווייטן איד. אדרבה, מ'דאַרף שטענדיג נאָר רעדן גוטע ווערטער וועגן אַ צווייטן איד.

**אַזוי** לייענען מיר אין דער היינטיגער סדרה (ט, כ) 'על פי ה' יחנו ועל פי ה' יסעו'. האָבן צדיקים געטייטשט (געברענגט אין ספר 'אילנא דחיי', פּיעטריקאוו, תרס"ח): 'על פּי' - ווען דער מענטש היט זיין מויל, 'יחנו' - איז ער גורם אַז די שכינה זאָל רוהען אויף איהם. און 'על פי ה'' - אויב ער היט נישט דאָס מויל חלילה, נישט צו רעדן לשון הרע אויף אַ צווייטן, איז ער גורם 'יסעו' - די שכינה זאָל זיך חלילה אַוועקציען פון איהם.

**אדרבה**, מ'דאַרף זעהן מרבה צו זיין שלום און אחדות, אהבת חברים און אהבת ישראל, און צו זוכן זייער טובה[יב].

**ווי** חשוב עס איז די דאָזיגע מדה ביי דעם אויבערשטען, קען מען זעהן פון דעם פסוק אין דער היינטיגער סדרה (י, לב) 'והיה הטוב ההוא אשר ייטיב ה' עמנו והטבנו לך'. זאָגט דער גאון בעל 'חתם סופר' זי"ע ('חתם סופר', פרשתינו ד"ה 'לכה אתנו') אַז איינע פון די טובות וואָס דער אויבערשטער טוט מיט ערליכע אידן, איז וואָס ער איז זיי מזכה צו קענען טוהן גוטס מיט אַנדערע מענטשן. 'והיה הטוב אשר ייטיב ה' עמנו' - דער גרעסטער חסד וואָס דער אויבערשטער קען טוהן מיט אונז, איז 'והטבנו לך', אַז מיר זאָלן זוכה זיין צו טוהן גוטס מיט דיר.

**אויפ'ן** פסוק אין דער היינטיגער סדרה (יא, ז) 'והמן כזרע גד הוא', זאָגט הרה"ק בעל 'דגל מחנה אפרים' זי"ע (פרשת בשלח), ווייל חז"ל זאָגן (שבת קנא:) 'כל המרחם על הבריות, מרחמין עליו מן השמים'. דער מענטש וואָס האָט רחמנות אויף אַנדערע מענטשן, האָט מען אין הימל רחמנות אויף איהם. זאָגט דער 'דגל', אַז דאָס איז די כוונה פון פסוק: 'והמן' - די

---

**יא.** אַזוי טייטשן די ספרים ('בני יששכר', מאמרי תמוז אב) די גמרא (תענית לא.) אַז דער אויבערשטער וועט לעתיד לבוא מאַכן אַ 'מחול' פאַר די צדיקים, און ער וועט זיצן צווישן זיי אין גן עדן. אַ 'מחול' איז רונדיג, אָן אַן 'אויבן-אָן' אָדער אַן 'אונטן-אָן'. עס האָט נישט אַ 'מזרח-וואַנט'... וועגן דעם וועט דער אויבערשטער מאַכן אַזאַ רינג, כדי צו ווייזן אַז ביי איהם זענען אַלע גלייך צום גוטן. איין צדיק וועט נישט האָבן מער כבוד ווי דער אַנדערער.

**יב.** וואונדערליכע ווערטער, שרייבט הרה"ק בעל 'שפת אמת' זי"ע (ליקוטים, במדבר, ד"ה 'בכושרות'), אַז **די לוים זענען אויסגעקליבן געוואָרן צו זינגען אין בית המקדש, ווייל מסתמא האָבן זיי אין מצרים, וואו זיי זענען געווען באַפרייט פון דער אַרבעט, געוויינט און מתפלל געווען פאַר די אידן.**

פרנסה און שפע וואָס דער מענטש באַקומט פון אויבערשטען, איז 'בזרע גד', ג"ד איז ראשי תיבות ג'ומל ד'לים'. לויט ווי דו העלפסט די אָרימעלייט און דו האָסט רחמנות אויף די מענטשן, אַזוי דערבאַרימט מען זיך אויף דיר פון הימל[יג].

**וישמע ה' - יעדע אידישע תפילה ווערט געהערט אין הימל**

**מיר** לייענען אין דער היינטיגער פרשה (יא, א) 'ויהי העם כמתאוננים רע באזני ה' וישמע ה'".

**זאָגט** דער גאון בעל 'חתם סופר' זי"ע ('חתם סופר', פ' בהעלותך, ד"ה 'ויהי'), אַז עס איז דאָ אַ בחינה פון 'עיני ה'", וואָס דאָס ווייזט אויף דעם אויבערשטען'ס השגחה פרטית אויף אַלע באַשעפענישן, צו געבן פאַר דעם מענטש שוין אָנהייב יאָר, וואָס ער זאָל האָבן שפעטער, ביז'ן סוף יאָר. עס איז אָבער אויך דאָ אַ בחינה פון 'אזני ה'", וואָס מיינט, אַז דער אויבערשטער הערט אונזערע תפילות, און ער טוישט צומאָל די גזירה צום גוטן. ער טוישט די גזירה לויט די תפילה פון די צדיקים אין יעדע צייט.

**דאָס** האָבן די אידן אַריינגעקלערט ווען זיי זענען געווען אין מדבר, אַז כאָטש מיר ווייסן אַז די 'אויגן' פון דעם אויבערשטען כביכול זענען אייביג גוט פאַר אידן, גוזר צו זיין אויף זיי גוטע גזירות, אָבער ס'איז דאָך מעגליך אַז ער קוקט זיך נישט אום חלילה אויף יעדע אידישע תפילה, איבערצודרייען דאָס וואָס ס'איז געווען פריער און ערפילן אַלע זייערע פאַרלאַנגען צום גוטן (דאָס מיינט, זיי האָבן געגלייבט אין דער בחינה פון 'עיני ה'", אַז דער אויבערשטער האַלט זיין השגחה פרטית אויף יעדע זאַך וואָס פאַסירט אויף דער וועלט, אָבער זיי האָבן נישט געגלייבט גענוג אין די 'אזני ה'", אַז זיי זענען אימשטאַנד מיט זייערע תפילות איבערצודרייען אַלע סדרי בראשית צום גוטן, ווען זיי זענען מתפלל צום באַשעפער).

**דאָס** איז די כוונה פון פסוק: ויהי העם כמתאוננים רע באזני ה', זיי האָבן אָפּגעלייקנט די בחינה פון 'אזני ה'". 'וישמע ה'" - האָט דער אויבערשטער זיי געוויזן אַז ער הערט זייערע תרעומות, און פון דעם האָבן זיי געמאַכט אַ 'קל וחומר': מה דאָך דער אויבערשטער הערט אונזערע טענות און תרעומות, טוט ער דאָך אַוודאי הערן אונזערע געשרייען און תפילות[יד], צו ערפילן אַלע אונזערע בקשות[טו].

---

**יג.** מיר האָבן געהערט אַ וואונדערליכע מעשה, וועגן דעם כח פון וויתור, ווען מ'איז מוותר פאַר אַ צווייטן.

שבת פרשת נשא תשפ"ד, זענען געפּראַוועט געוואָרן צוויי 'שבת שבע ברכות' אין אַ בנין אין ירושלים, וואו עס געפינען זיך צוויי זאַלן, אויף צוויי באַזונדערע שטאָקן. פרייטאָג, ווען דער 'קעיטערער' איז געקומען צוגרייטן די שמחה אין דעם זאַל אויפ'ן העכערן שטאָק, וואָס איז פיל גרעסער און שענער ווי דער זאַל אויפ'ן אונטערשטען שטאָק, האָט ער געזעהן אַז עס איז דאָ אַן אַנדערער 'בעל שמחה', וואָס גרייט-צו דעם שבת אינעם זאַל... האָט דער קעיטערער געוויזן פאַר יענעם בעל שמחה אַ 'קאָנטראַקט' וואָס באַשטעטיגט אַז ער האָט געצאָלט פאַר דעם שיינעם זאַל אויפ'ן אויבערשטען שטאָק. דאַקעגן, האָט אָבער אויך יענער גע'טענה'ט אַז ער האָט באַצאָלט פאַר'ן אויבערשטען זאַל. האָט דער 'קעיטערער' זיך פאַרבונדן צום מחותן וואָס האָט איהם באַשטעלט, און יענער האָט איהם באַלד געהייסן מוותר זיין, און אַראָפּגיין צוגרייטן די שמחה אויפ'ן אונטערשטען שטאָק.

למעשה, אָבער, איז נאָכ'ן זמן פון ערב שבת פאָרגעקומען אַ 'בלעקאַוט' אין גרויסע טיילן פון ירושלים, און אויך אין זאַל אויפ'ן אויבערשטען שטאָק איז נישט געווען קיין לעקטער, און אויך דער 'עיר קאָנדישאָן' האָט נישט געאַרבעט. די היץ איז געווען אומדערטרעגליך, אזש אַז מ'האָט געמוזט ענדיגן שנעל די 'שבע ברכות', און עס האָט נישט געהאַט קיין שום טעם... דער אונטערשטער שטאָק, אָבער, איז געווען באַהאַפטן צו אַ 'גענעראַטאָר', און אַדאַנק דעם איז דאָרט געווען גענוג לעקטער, און דער 'עיר קאָנדישאָן' האָט גוט געאַרבעט, און מ'האָט געפּראַוועט די 'שבע ברכות' מיט גרויס פרייד ביז די שפעטע נאַכט-שעה'ן.

פון דעם לערנען מיר, אַז **מיט'ן מוותר זיין פאַר יענעם, פאַרדינט מען נאָר, און טאַקע אויף אַ ברייטן אופן.**

**יד.** אין דער שטאָט בריסק האָט געוואוינט אַ קאַרלינער חסיד וואָס פלעגט, ווי ס'איז דער שטייגער פון די קאַרלינער חסידים, דאַווענען זייער הויך אויפ'ן קול. די מתנגדי'שע אידן אין שטאָט האָבן איהם געוואָלט אָנשרייען, ער זאָל אויפהערן שרייען ביים דאַווענען. דער בריסקער רב הגרי"ז זצ"ל האָט זיי אָבער נישט געלאָזט.

אַ צייט שפעטער, איז דער בריסקער רב אַמאָל געפאָרן אין אַ קור-אָרט, און האָט איינגעלאַדן דעם קאַרלינער חסיד מיטצוקומען מיט איהם. ווען זיי זענען שוין געווען אויסער די שטאָט, האָט דער בריסקער רב איהם געפרעגט

הויך אויפ'ן קול, וואָס ער מאַכט. האָט דער חסיד געענטפערט: 'ברוך השם, אַלעס איז אין אָרדענונג, אָבער ס'איז מיר אַ וואונדער, פאַרוואָס דאַרף דער רב שרייען הויך, איך שטיי דאָך דאָ ממש נעבן דעם רב, און איך קען איהם הערן, אויך אויב ער וועט רעדן צו מיר שטיל. האָט דער בריסקער רב איהם געענטפערט:

- אָט דאָס האָב איך דיך געוואָלט אויסלערנען, אַז דו זאָלסט אויפהערן שרייען אַזוי ביים דאַווענען, ווייל דער אויבערשטער שטייט דאָך נעבן דיר און ער הערט דיין תפילה...

האָט דער קאַרלינער חסיד געזאָגט צום בריסקער רב:

- איך ווייס אַז דער אויבערשטער שטייט נעבן מיר און ער הערט מיין תפילה, אָבער איך שריי ביים דאַווענען, כדי '**איך**' זאָל אויך הערן די ווערטער וואָס איך זאָג אַרויס פון מויל!

לעניינינו, **יעדער איינער דאַרף שפירן ביי זיך פון וואָס ער ווערט נתעורר ביים דאַווענען, און די תפילה זאָל קומען פון טיפן האַרצן.** 'בתחבולות תעשה לך מלחמה', יעדער איינער לויט זיינע אייגענע תכונות הנפש.

**טו.** דער מונקאַטשער רב, הרה"ק בעל 'מנחת אלעזר' זי"ע, איז אַמאָל געווען נישט געזונט ל"ע און איז באַהאַנדלט געוואָרן אין אַ שפּיטאָל אין בודאַפּעסט. ער האָט געבעטן אַ ספּעציעלע ערלויבעניש צו ברענגען אַהין אַ מנין אידן, צו קענען דאַווענען בציבור די שבת'דיגע תפילות.

איינער פון די דאָקטוריים אין שפּיטאָל האָט געקענט דעם מונקאַטשער רב און געוואוסט אַז ער איז אַ הייליגער צדיק, האָט ער געזאָגט צום מונקאַטשער רב, אַז ער איז גרייט צו לאָזן אַריינברענגען אַ מנין אידן צו דאַווענען מיט'ן רבי'ן, אָבער מיט'ן תנאי אַז מ'זאָל נישט שטערן די אַנדערע פּאַציענטן אין שפּיטאָל פון זייער מנוחה.

כך הוה, מ'האָט יענעם שבת געברענגט אין שפּיטאָל אַ מנין אידן, און מ'האָט זיי אַלע אָנגעזאָגט שטרענג, למען השם נישט צו שטערן די רואיגקייט פון די פּאַציענטן אין שפּיטאָל, ווייל מ'האָט זיי געגעבן רשות צו קומען דאַווענען מיט'ן מונקאַטשער רב נאָר דערפאַר ווייל דער דאָקטאָר האָט גענומען אויף זיך אַז מ'וועט קיינעם נישט שטערן.

אויך דער מונקאַטשער רב זעלבסט, האָט פּרובירט מיט אַלע כוחות נאָכקומען דעם פאַרלאַנג פונעם דאָקטאָר, אָבער ביי מנחה ערב שבת, ווען ער איז אָנגעקומען צו די ווערטער 'יאמרו נא גאולי ה' אשר גאלם מיד צר, ממזרח וממערב... ויצעקו אל ה'...', האָט ער געמאַכט קולות, און געשריגן בדמעות שליש. איז דער דאָקטאָר, הערנדיג די 'קולות וברקים', שנעל געקומען צו לויפן אין צימער פונעם מונקאַטשער רב, און געבעטן דעם רבי'ן מיט תחנונים אַז ער זאָל האַלטן זיין צוזאָג און נישט שרייען, ווייל ער האָט דאָך גענומען אחריות אויפ'ן מנין.

נאָכ'ן דאַווענען, האָט דער דאָקטאָר געפרעגט דעם מונקאַטשער רב, פאַרוואָס האָט דער רבי נישט געהאַלטן אונזער אָפּמאַך. האָט דער מונקאַטשער רב איהם געענטפערט:

- כ'וועל דיר זאָגן דעם אמת, פריער האָב איך געמיינט, אַז עס איז אַ 'חק ולא יעבור', אַז אין שפּיטאָל דאַרף זיין שטיל. האָב איך מסכים געווען אָנצונעמען דעם פאַרלאַנג פונעם דאָקטאָר. אָבער שפּעטער האָב איך געזעהן אַז דאָס איז נישט אַזאַ אויסדריקליכער געזעץ, ווייל ווען איך בין נעכטן ביינאַכט איינגעשלאָפן, האָב איך זיך ערוועקט צו די קולות וואָס איינער פון די פּאַציענטן דאָ אין שפּיטאָל האָט געמאַכט, און איך האָב נישט געקענט שלאָפן אַ גאַנצע נאַכט צוליב זיינע געשרייען. האָב איך פון דעם פאַרשטאַנען אַז דאָ מעג מען מאַכן קולות...

האָט דער דאָקטאָר זיך צעשמייכלט און געזאָגט פאַר'ן מונקאַטשער רב, איר זענט דאָך אַ קלוגער איד, ווי אַזוי רעדט איר אַזעלכע נאַרישקייטן... דער מענטש וואָס האָט געשריגן ביינאַכט, איז דאָך דאָ געברענגט געוואָרן אין אַ שווערן מצב, ליידנדיג פון אַ שרעקליכע קראַנקהייט ל"ע, אַלע זיינע ביינער זענען געווען צובראָכן, און פון זיינע גרויסע יסורים האָבן די קולות אַליין 'אַרויסגעשריגן' פון איהם, אָבער אין אַלגעמיין, איז דאָ אין שפּיטאָל זייער שטיל... האָט דער מונקאַטשער רב איהם געענטפערט:

- דו ביזט טאַקע אַ גרויסער דאָקטאָר, דו האָסט שטודירט ביי גרויסע פּראָפעסאָרן, וואו מ'האָט דיך אויסגעלערנט צו פאַרשטיין דעם ווייטאָג פון צובראָכענע הענט און פיס, אָבער **וואָס פאַרשטייסטו דען צו אַ צעריסן און צובראָכן האַרץ פון אַ איד...** דו וועסט קיינמאָל נישט קענען פאַרשטיין דעם ווייטאָג פון אַ איד וואָס וואַרט שוין צוויי טויזענט יאָר אויסגעלייזט צו ווערן פון גלות, און אינצווישן שפּירט ער דעם צער ווי דער גלות שטאַרקט זיך יעדער טאָג-טעגליך. מיינע ווי-געשרייען זענען אויך געקומען טיף-טיף פון האַרצן, אַזוי אַז דער געוויין איז אינגאַנצן נישט אין מיינע הענט.

פון דאָ לערנען מיר, אַז דער אויבערשטער וויל הערן יעדע אידישע תפילה, אַפגעזעהן ווער ס'איז דער וואָס בעט פון איהם, ווייל אַפילו די תפילה פון די 'מתאוננים' איז געהערט געוואָרן אין הימל, ווייל דער אויבערשטער גליסט צו די תפילות פון 'אַלע' אידן, און יעדער איד איז בכח צו פועל'ן מיט זיין תפילה גאָר גרויסע ישועות[טז].

**אַזוי** טייטשט הרה"ק רבי אייזיק קאָמאַרנער זי"ע (אין חומש 'היכל הברכה'), דעם פסוק (במדבר ל, ג) 'לא יחל

---

**טז.** דער חיד"א זי"ע שרייבט אין ספר 'נחל קדומים' (פרשתינו), אין נאָמען פון די קדמונים, אויף דעם פסוק ביים סוף פון דער היינטיגער פרשה (יב, יג) וואָס משה רבינו ע"ה האָט מתפלל געווען אויף די רפואה פון זיין שוועסטער, מרים: 'א-ל נא רפא נא לה', אַז מ'האָט פון הימל איבערגעגעבן פאַר משה רבינו ע"ה דעם סוד, אַז ווען ער וועט מתפלל זיין און זאָגן צוויי מאָל דאָס וואָרט 'נא', וועט זיין תפילה אָנגענומען ווערן. וועגן דעם האָט ער געזאָגט 'א-ל **נא** רפא **נא** לה', און דער אויבערשטער האָט אויסגעהערט זיין תפילה.

קען מען אפשר צוגעבן און אָנטפּלעקן דעם 'סוד'... די גמרא זאָגט (ברכות לב:) אַז ווען דער מענטש זעהט אַז זיין תפילה איז נישט געענטפערט געוואָרן אין הימל, זאָל ער נאָכאַמאָל מתפלל זיין, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (תהלים כז, יד) קוה אל ה' חזק ויאמץ לבך וקוה אל ה'. און ווען דער מענטש בעט 'א-ל **נא**', און ער בעט נאָכאַמאָל 'רפא **נא**', ווערט זיין תפילה זיכער אָנגענומען פאַר דעם אויבערשטען.

## מן הבאר

הרה"ק רבי משה קאָברינער זי"ע האָט געזאָגט אויפ'ן פסוק (משלי כא, ל) **אין חכמה ואין עצה ואין תבונה** נגד ה'. 'אין' אויף דער אידישער שפּראַך (איין) מיינט 'איינס'. האָט ער געזאָגט בדרך צחות: '1' חכמה איז דאָ, און '1' עצה איז דאָ, און '1' פאַרשטאַנד (תבונה) איז דאָ: **נגד ה' - מ'זאָל זיך אויסגיסן דאָס האַרץ פאַר'ן באַשעפער ביי יעדע מעגליכע געלעגנהייט.**

עס ווערט געברענגט אין ספר 'בית יעקב' (פ' ויצא, פון הג"ר יעקב אהרן יאנאווסקי זצ"ל, וואָס איז ערשינען אין יאָר תר"ס אין פיעטריקוב), אין נאָמען פון הרה"ק רבי שמחה בונם זי"ע פון פשיסחא, אַז ער האָט געזאָגט: **די עצה פאַר יעדן איד אַז עס זאָל איהם קיינמאָל גאָרנישט פעלן און ער זאָל אייביג קענען זיין דבוק אין עבודת השם יתברך, איז אַז ער זאָל זיך צוגעוואוינען שטענדיג מתפלל צו זיין און בעטן פון דעם אויבערשטען אויף יעדער זאַך, פון גרויס ביז קליין, און דער מענטש זאָל נישט מיינען אַז פאַר דעם פאַדערט זיך 'התבודדות' מיט טלית און תפילין, נאָר איבעראַל וואו ער שטייט, אָדער אַפילו אויפ'ן גאַס, זאָל ער קוקן אויב דאָס אָרט איז ריין, און ער זאָל בעטן דעם אויבערשטען, און ער וועט זיכער ערפילן זיין פאַרלאַנג, ווייל ער איז דאָך דער 'שומע תפילת כל פה'.**

אין די צייטן פון דעם גאון בעל 'חתם סופר' זי"ע, איז נפטר געוואָרן אַ רב אין אַ געוויסע קהילה, און די אידן פון יענע שטאָט האָבן געזוכט אַ נייעם רב. עס זענען געברענגט געוואָרן עטליכע קאַנדידאַטן אויף דעם כסא הרבנות. איינער פון די קאַנדידאַטן איז געווען אַ תלמיד פון דעם 'חתם סופר', און קעגן איהם האָט קאַנדידירט אַ צווייטער, אויך אַ תלמיד חכם. איז דער 'חתם סופר' אַריבערגעפאָרן מיט זיין תלמיד צו יענעם שטעטל, און ממליץ געווען אויף זיין תלמיד, אַז ער איז באמת 'ראוי לאותה איצטלא', צו ווערן דער רב ביי זיי אין שטאָט. אַלע השתדלות'ן פונעם 'חתם סופר' האָבן אָבער נישט געהאָלפן, און דער אַנדערער קאַנדידאַט איז אויסגעוויילט געוואָרן אַלס רב אין שטאָט. האָט דער 'חתם סופר' געזאָגט צו זיין תלמיד:

- וואָס קען איך טוהן, אָבער אַלע **מיינע השתדלות איז נישט געווען גענוג שטאַרק בייצושטיין די טרערן פון יענעם תלמיד חכם, וואָס האָט פאַרגאָסן הייסע טרערן ביים דאַווענען, אַז ער זאָל זוכה זיין אויפגענומען צו ווערן אַלס רב...**

(לויט אַן אַנדערן נוסח, האָט דער 'חתם סופר' געזאָגט, אַז ער איז נישט אימשטאַנד צו שטיין קעגן די קאַפּיטלעך תהלים וואָס יענער רב האָט אויסגעזאָגט, אַז ער זאָל אָנגענומען ווערן אַלס רב אין יענע שטאָט).

דער בעל שם טוב הקדוש זי"ע איז אַמאָל געפאָרן אויפ'ן וועג מיט זיינע תלמידים. אינמיטן וועג, האָט דער בעל שם טוב באַפוילן צוצופאָרן אין אַ שטעטל, צו אַ געוויסן הויז. אָנקומענדיג אַהין, האָבן זיי געזעהן אַן אַלט צובראָכן הייזקעלע וואָס האָט געהאַלטן ביים צוזאַמענפאַלן. וויבאַלד דער בעה"ב האָט זיך נישט געפונען אינדערהיים, האָט דער בעל שם טוב געבעטן די תלמידים זיי זאָלן בעטן פון זיין פרוי צו דערלאַנגען אַ מאָלצייט. די תלמידים האָבן איר טאַקע געבעטן זי זאָל עפּעס געבן צו עסן פאַר זייער רבי'ן דעם בעל שם טוב, אָבער די פרוי האָט געענטפערט אַז ליידער, האָט זי אין הויז נאָר אַביסל קעז און פאַרשימלטע ברויט וואָס זי דאַרף האַלטן פאַר איר מאַן, ווען ער וועט אַהיימקומען פון דער אַרבעט אויפ'ן פעלד.

האָט דער בעל שם טוב געזאָגט צו זיינע תלמידים, זיי זאָלן צוריקגיין צו איר און איר זאָגן, אַז דער רבי בעט צו עסן. האָט זי זיי שוין נישט געקענט אָפּזאָגן, און זי האָט אַריינגעשיקט צום בעל שם טוב דאָס ביסל עסן וואָס זי האָט צוגעגרייט פאַר איר מאַן. דערנאָך האָט דער בעל שם טוב געבעטן אַ גלעזער אַראָפּצולייגן דעם קאַפּ, האָט די אָרימע פרוי ווידער געענטפערט אַז זי האָט גאָרנישט אין הויז, נאָר אַביסל שטרוי פאַר איר מאַן אַראָפּצולייגן דעם קאָפּ, אָבער אויך יעצט האָט דער בעל שם טוב געשיקט זאָגן פאַר די פרוי, אַז ער דאַרף זייער וויכטיג האָבן דאָס ביסל שטרוי, און די באַלעבאָסטע האָט זיי געגעבן אויך דאָס ביסל שטרוי...

אינצווישן איז דער מאַן אַהיימגעקומען פון דער אַרבעט, און זי האָט איהם דערציילט אַלעס וואָס דאָ האָט פּאַסירט, אַז דער בעל שם טוב איז געקומען און האָט צוגענומען אַלעס וואָס זיי פאַרמאָגן - זייער שפּייז, און דאָס ביסל שטרוי, צו קענען אַראָפּלייגן דעם קאָפּ...

אַ צובראָכענער אויף 'שברי שברים', איז דער מאַן אַרויסגעגאַנגען פון הויז, און ער האָט אויפגעהויבן די אויגן צום הימל, און געשריגן: באַשעפער, דו ביזט דאָך דער 'כל יכול', טאַטע, טאַטע, גיב אַ קוק און זעה אַז איך פאַרמאָג גאָרנישט - אויך נישט אַביסל עסן, און אַן אָרט צו שלאָפן. האָב רחמנות אויף מיר, און גיב מיר מיין פרנסה בריווח. יענע נאַכט, האָט דער בעל שם טוב מיט זיינע תלמידים פאַרלאָזט דאָס אָרט, און ער איז געפאָרן ווייטער אויפ'ן וועג.

עטליכע חדשים שפּעטער, איז דער בעל שם טוב ווידער אַרויסגעפאָרן אין וועג מיט זיינע תלמידים, און ער האָט זיי געהייסן צופאָרן צו אַ שיינעם פּאַלאַץ, וואו מ'האָט זיי דערלאַנגט אַ געשמאַקע סעודה. דערנאָך האָט דער בעל שם טוב געפרעגט זיינע תלמידים אויב זיי דערקענען דעם אייגנטימער פונעם פּאַלאַץ. האָבן זיי איהם גוט אָנגעקוקט, און זיי האָבן זיך דערמאַנט אַז אָט שטייט פאַר זיי יענער אָרימאַן וואָס זיי זענען געווען ביי איהם עטליכע חדשים פריער... דאָס איז געווען דער בעה"ב וואָס דער בעל שם טוב האָט געגעסן זיין ברויט און קעז, האָבן די תלמידים פונעם בעל שם טוב זיך געוואונדערט, ווי אַזוי איז דער איד געוואָרן אין אַזאַ קורצע צייט אַזאַ גרויסער עושר. האָט דער בעל שם טוב געזאָגט צו דעם עושר, ער זאָל דערציילן די השתלשלות ווי אַזוי ער איז געוואָרן רייך, און דערנאָך וועל איך צולייגן אַ פּאָר ווערטער. האָט דער יעצט-רייכער איד דערציילט זיין געשיכטע, ווי פאָלגענד:

- איך פלעג האַנדלען מיט ווייַן, און איך האָב געהאַט פרנסה בריווח ב"ה. שפּעטער האָט זיך אָבער דאָס רעדל אַ דריי געטוהן און איך האָב דערלייגט אַסאַך געלט ביים וויין-האַנדל. ס'איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז כ'בין געווען געצוואונגען אָנצוהייבן אַרבעטן שווערע פעלד-אַרבעט, פאַר געציילטע פרוטות. אָבער צומאָרגענס נאָך דעם ווי דער בעל שם טוב איז דאָ געווען מיט זיינע תלמידים, האָט דער משרת פונעם פריץ אָנגעקלאַפּט אויף אונזער טיר אין שליחות פונעם פריץ, אַז דער פריץ וויל קויפן וויין ביי מיר, צו טיילן ביי אַ גרויסע מסיבה וואָס ער פּראַוועט פאַר זיינע פריינט ביי זיך אין פּאַלאַץ, און ער וויל האָבן דווקא מיין וויין... האָב איך געזאָגט צו דעם שליח, פאַרוואָס האָסטו זיך אָנגעשטעפּט דווקא אין מיר? איך האַנדל דאָך שוין לאַנג נישט מיט וויין... דער שליח האָט אָבער נישט נאָכגעלאָזט, ביז איך האָב איהם אַראָפּגעפירט אין מיין אַמאָליגן וויין-קעלער און געוויזן אַז אַלע פעסלעך שטייען ליידיג פון וויין. ס'איז נאָר געבליבן אַ האַלב פעסל וויין, וואָס איך קען דיר נישט פאַרקויפן, ווייל איך נוץ דאָס, צו מאַכן 'קידוש' און 'הבדלה'.

- דער 'פגע' האָט מיך אָבער נישט אָפּגעלאָזט - דערציילט דער איד ווייטער - ער האָט זיך 'פאַרלייגט' אויף מיר אַז איך זאָל איהם פאַרקויפן פון דעם האַלבן פעסל וויין. האָב איך גענומען אַ טראָפּן וויין פון דעם האַלבן פעסל, און עס אַריינגעגאָסן אין איינעם פון די ליידיגע פעסלעך, און עס אָנגעפילט מיט וואַסער... וואָס האָט אָבער

דברו ככל היוצא מפיו יעשה'. 'יחל' קען אויך געטייטשט ווערן פון לשון האָפענונג ('מייחל לאלקיו'), און 'דברו' איז קען באַדייטן די דיבורים פון תפילה. זאָגט דער פסוק 'לא יחל דברו' - אַז דער מענטש זאָל נישט נאָר 'האָפען' אַז זיין תפילה וועט אָנגענומען ווערן, נאָר ער זאָל צוגיין צום דאַווענען מיט אַ 'זיכערקייט', אַז עס וועט זיכער מקוים ווערן ביי איהם 'ככל היוצא מפיו יעשה'. דער אויבערשטער וועט איהם אַלעס נאָכגעבן אויפ'ן אָרט, באַלד ווען ער דאַווענט, און אפילו דאָס וואָס איז 'יוצא מפיו' - עס גייט 'סתם אַזוי' אַרויס פון זיין מויל אַ תפילה, אָן אמת'דיגע דביקות אין באַשעפער, נאָר סתם 'געזאָגט מיט'ן מויל', ווערט עס אויך אָנגענומען אין הימל.

**דער** אויבערשטער זאָל העלפן, עס זאָל מקוים ווערן ביי אונז דער פסוק אין דער היינטיגער סדרה (י, כט) 'כי ה' דיבר טוב על ישראל'", אור חדש על ציון תאיר, במהרה בימינו, אמן.

---

דער אויבערשטער געטוהן? ער האָט אַריינגעגעבן אַ 'טעם גן עדן' אינעם פעסל, און דאָס וואַסער וואָס איז געוואָרן אויסגעמישט מיט'ן וויין, האָט באַקומען אַ טעם פון גאָר גוטן וויין, אַזוי אַז ווען דער פריץ האָט פאַרזוכט דערפון האָט ער עס גאָר שטאַרק אויסגעלויבט, און ער האָט שנעל באַשטעלט ביי מיר נאָך עטליכע פעסלעך וויין.

- ווען איך האָב באַגריפן וואָס דאָ קומט פאָר, האָב איך אָנגעהויבן פאַרלאַנגען פאַר יעדן פעסל אַ שיינעם סכום געלט, 'כמו שכתוב'... דער פריץ האָט נישט געזשאַלעוועט קיין געלט, און געצאָלט 'כסף מלא' וואָס כ'האָב פון איהם פאַרלאַנגט, ווייל דער וויין האָט איהם זייער געשמעקט... אַזוי איז אַרויס אַ שמועה צווישן די מענטשן פון שטעטל, אַז ס'איז דאָ צו באַקומען אין שטאָט אַ גאָר גוטער און זיסער וויין, און אַלע שטאָט-לייט האָבן זיך 'אַראָפגעלאָזט' צו קויפן וויין ביי מיר, וואָס איז אין סך-הכל געווען אַ טראָפּן וויין מיט אַסאַך וואַסער, אַזוי אַז ביז עטליכע וואָכן האָב איך פאַרדינט גאָר אַסאַך געלט, און כ'בין געוואָרן היבש רייך, און זיך אויפגעבויט דעם פאַלאַץ וואָס איר זעהט דאָ פאַר אייערע אויגן... אַ פאַלאַץ וואָס פאַסט באמת פאַר אַזעלכע רייכע אידן ווי איך בין.

ווען דער איד האָט געענדיגט דערציילן זיין געשיכטע, האָט דער בעל שם טוב זיך אָנגערופן צו די תלמידים, און צו דעם איד:

- און יעצט, וועל איך דערציילן דעם ערשטן טייל פון די געשיכטע, ווי אַזוי דער איד איז געוואָרן רייך... שוין אַ לאַנגע צייט וואָס מ'האָט איהם אָנגע'פסק'ענט אין הימל אַ גרויס רייכטום, אָבער וויבאַלד ער האָט נישט מתפלל געווען אויף דעם צום באַשעפער, האָט דאָס עשירות איהם נישט געקענט דערגרייכן. פאַרגאַנגענעם ראש השנה העבר עלינו לטובה, איז דער שטן געקומען מיט אַ טענה אַז מ'זאָל בטל מאַכן די מתנה פון רייכטום וואָס מ'האָט באַשטימט פאַר דיר, וויבאַלד ס'זענען שוין אַריבערגעגאַנגען אַזוי פיל יאָרן און ער האָט נישט געבעטן עס צו באַקומען. איך האָב אָבער געענטפערט אויף זיין טענה, אַז איך בין גרייט צו נעמען אויף זיך צוצופירן דערצו אַז ער זאָל יאָ מתפלל זיין צו באַקומען רייכטום... און ווי איר האָט געזעהן, בין איך געקומען צו איהם אַהיים און צוגענומען פון איהם זיין לעצטן שטיקל ברויט, און אויך דאָס ביסל שטרוי וואָס ער האָט פאַרמאָגט, ביז ער איז אַרויס אויפ'ן פעלד און בלית ברירה געשריגן צום באַשעפער פון טיפן האַרצן, און ער איז באַלד געהאָלפן געוואָרן.

אַז מ'איז זיך מתבונן אין די מעשה, זעהען מיר דאָ דעם גרויסן כח פון תפילה. דער איד האָט דאָך אַוודאי יעדן טאָג מתפלל געווען צום באַשעפער, און געבעטן אויף פרנסה. ער האָט מסתמא אַפילו אין זינען געהאַט ביים זאָגן דעם פסוק 'פותח את ידיך ומשביע לכל חי רצון', און אויך ווען ער האָט געאַרבעט שווער איז עס קיין ספק נישט, אַז ער האָט כסדר געבעטן אויף פרנסה, און פונדעסטוועגן, האָט זיין ישועה זיך פאַרזוימט צו קומען, ווייל ער האָט נישט געבעטן פון טיפן האַרצן. ער האָט געטראַכט ביי זיך, איך האָב דאָך נאָך פאָרט אַ שטיקל ברויט צו עסן, און אַ 'געלעגער' צו שלאָפן דערויף... ערשט נאָך דעם ווי ער האָט געזעהן אַז 'כלתה אליו הרעה'... **האָט ער אַרויסגעשריגן פון טיפן האַרץ זיין וויי-געשריי, און ער איז באַלד געהאָלפן געוואָרן.** (אַוודאי דאַרף דער מענטש זיך פרייען מיט זיין חלק, אָבער נישט ווען ער דאַוונט צום באַשעפער. דעמאָלס דאַרף ער זיך זעהן ווי אַן אָרימאַן, און אַזוי קען ער אַלעס פועל'ן ביים באַשעפער, ווייל ער בעט דעמאָלס מיט אַ צובראָכן האַרץ).

**יז.** הרה"ק רבי מרדכי לעכוויטשער זי"ע האָט אַמאָל פרייטאָג פרשת בהעלותך, אַהיימגייענדיג פון מקוה, געזאָגט:

'היינט וואָלטן מיר געדאַרפט טאנצן מיט מוזיק, ווייל עס שטייט אין דער היינטיגער פרשה, **'כי ה' דיבר טוב על ישראל'**.

# הבא ליטהר מסייעין לו

עטליכע יאָר צוריק, איז נפטר געוואָרן אין בני ברק אַ חשוב'ער איד, אַ תלמיד חכם מופלג, הגאון רבי אליעזר פרעסמאַן זצ"ל, וועלכער האָט נישט געוואוסט פון עפּעס אַנדערש אויף דער וועלט, נאָר לימוד התורה.

איינמאָל האָט מען טעלעפאָנירט צו איהם אַהיים, און ווען זיין רעביצין האָט געענטפערט דעם טעלעפאָן, האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז דער טעלעפאָן איז פון דער אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדע אין תל אביב, און מ'האָט איר געזאָגט, אַז היות די עלטערן פון רבי אליעזר האָבן געוואוינט אין אַמעריקע, און זיי האָבן איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ גרויסע ירושה, פון וועלכער רבי אליעזר איז דער יורש, דעריבער זאָל ער אַריבערקומען אין די אַמבאַסאַדע אין תל אביב, כדי אונטערצושרייבן עטליכע דאָקומענטן, און דאַן וועט די גרויסע ירושה באַלד אַריבערגיין אין זיין רשות.

ווען די רעביצין האָט איבערגעגעבן פאַר רבי אליעזר אַז מ'האָט גערופן פון די אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדע אין תל אביב, אַז ער זאָל אַריבערקומען אונטערשרייבן אַ דאָקומענט, און אַזוי וועט ער קענען באַקומען די ירושה פון זיינע עלטערן, האָט איר מאַן, רבי אליעזר, איר געענטפערט, צו איר גרויסן שטוינונג:

- אין תל אביב, זענען דאָ אַסאַך חששות פון 'שמירת עינים', און איך וועל נישט גיין אַהין, אַפילו פאַר אַ גרויסע ירושה!

האָט די רעביצין טעלעפאָנירט צו די אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדע, און זיי געזאָגט אַז איר מאַן איז זייער אַ פרומער איד, און ער קען נישט אָנקומען צום אָרט וואו עס געפינט זיך די אַמבאַסאַדע. זי האָט דעריבער געפרעגט דעם באַאַמטן וואָס האָט געענטפערט דעם טעלעפאָן, צי ס'איז מעגליך צו באַקומען די ירושה, אָן דעם וואָס ער זאָל דאַרפן אונטערשרייבן דעם דאָקומענט אין די אַמבאַסאַדע. האָט מען איר געענטפערט אַז ניין. האָט זי ווידער געפרעגט תמימות'דיג, צי ס'איז אפשר מעגליך, אַז דער אַמבאַסאַדאָר זאָל אַריבערקומען צו זיי אַהיים... זיי האָבן אָבער - זעלבסט-פאַרשטענדליך - געענטפערט אַז אַזאַ זאַך קומט נישט אין באַטראַכט. זי האָט דערנאָך געהערט קולות פון געלעכטער, ווי די אַרבעטער פון די אַמבאַסאַדע לאַכן פון איר תמימות'דיגע פראַגע.

אַלזאָ, וואָס האָט אָבער דער אויבערשטער געטוהן? עטליכע טעג שפּעטער, האָט מען טעלעפאָנירט צו זיי פון די אַמבאַסאַדע, און געבעטן אַ טובה, היות עס קומט אַ גרופּע סענאַטאָרן פון אַמעריקע אויף אַ באַזוך אין ארץ ישראל, און זיי ווילן זיך באַגעגענען מיט אַלע שיכטן און קרייזן פון דער באַפעלקערונג אין לאַנד. זיי קענען אָבער נישט קיינעם פון דעם פרומען קרייז, און זיי האָבן זיך פּלוצלינג דערמאָנט אַז זי האָט געזאָגט אַז איר מאַן איז זייער רעליגיעז, דעריבער ווילן זיי זיך טרעפן מיט איהם. האָט זי זיי געפרעגט אויב דער אַמבאַסאַדאָר וועט זיך אויך באַטייליגן אין דער באַגעגעניש, אויף וואָס זיי האָבן געענטפערט אַז יאָ. האָט זי זיי געבעטן אויב ער קען

מיטברענגען מיט זיך דעם דאָקומענט, פאַר איר מאַן אונטערצושרייבן... און זיי האָבן געענטפערט אַז יאָ.

ווען זי האָט דערציילט פאַר איר מאַן דערוועגן, האָט ער געענטפערט אַז ער איז מסכים, אָבער נאָר אין די שעה'ן צווישן די סדרים... וכך הוה. די דעלעגאַציע איז אַריבערגעקומען אין הויז פון רבי אליעזר פרעסמאַן צווישן די 'סדרים' פון כולל, און דער אַמבאַסאַדאָר האָט מיטגעברענגט דעם דאָקומענט, אויף וועלכן ביידע האָבן אונטערגעשריבן. זיי האָבן איהם אויך געברענגט אַ נייעם אַמעריקאַנער 'פּאַספּאָרט'...

איידער זיי האָבן פאַרלאָזט דאָס הויז, האָבן זיי געזאָגט צו די רעביצין פון רבי אליעזר:

- וויסן זאָלט איר, אַז דאָס וואָס מיר האָבן געטוהן פאַר אייער מאַן, טוהען מיר נישט אַפילו פאַר'ן זון פונעם פרעזידענט פון אַמעריקע. ער מוז אַליין אַריבערקומען אין די אַמבאַסאַדע פאַר אַזאַ זאַך. דאָס וואָס מיר האָבן איינגעשטימט עס צו טוהן פאַר אייך, איז געווען אַ ספּעציעלער אויסנאַם-פאַל, וואָס מיר האָבן נאָך קיינמאָל נישט געטוהן פאַר עמיצן...

פון דעם זעהען מיר עין בעין, אַז '**כל המקבל עליו עול תורה, מעבירין ממנו עול מלכות**', און '**הבא ליטהר מסייעין לו**'. און נאָך מער פון אַלעם, אַז 'כל העולם לא נברא אלא לצוות לזה'. **דער אויבערשטער 'דרייט אַרום און אַרום' מיט די גאַנצע וועלט פאַר אַ איד וואָס היט זיינע אויגן.** אַזוי האָט מען געברענגט פון הימל די סענאַטאָרן קיין ארץ ישראל, אַלעס כדי דער אַמבאַסאַדאָר זאָל אַריבערקומען מיט זיי צו רבי אליעזר אין הויז. אַ זאַך וואָס האָט פריער אויסגעזעהן ווי אַ געלעכטער אין די אויגן פון די אַמבאַסאַדע-באַאַמטע, איז יעצט געוואָרן אַן 'איינפאַכע' ערשיינונג...